א. בירנבוים. ד. קאסעל

מײַן בוך

לערנבוך

פאַרן II-טן שוליאָר

* צווייטע אויסגעבעסערטע אויפלאַגע *

וואַרשע	פארלאג „נייע שול"	תרפ"א – 1921

102



1.
אין שול.

שנעלער, שנעלער,
צי זיך אוים,
טו זיך אָן און
גיי ארויס!

שוין דער פּאסטוך
בײַ די פּי,
זון בײַם בערגל
אויף די קני.

אויף בלומען, טוי,
בוים און גראָז
און עס שטיפט שוין
ווינטל=בלאָז.

שול שוין אָפן—
טויער, טיר,
און דײַן חבֿר
ווארט אויף דיר!

2.

דאָס פֿײַערדיקע פֿערד.

אמאָל איז געווען זייער א גוטער מענטש און געהייסן האָט ער אֵלִיָהוּ הַנָבִיא.

אֵלִיָהוּ הַנָבִיא האָט זייער ליב געהאט הלײניטשקע קינ־דערלאך — שול־קינדערלאך.

און געהאט האָט ער א פֿײערדיק פֿערד און אויף דעם פֿערד פֿלעגט ער רײַטן, ווען ער האָט זיך געאײַלט אָנצוזאָגן א מענטשן א גוטע בשׂוֹרה.

אַלע פֿרימאָרגן, טאָג־אײַן, טאָג אויס, פֿלעגט ער זיך ווײַזן אין די גאַסען פֿון דער שטאָט מיט זײַן פֿײערדיקן פֿערד און אז ער פֿלעגט דערזען שוואכע קינדערלאך, פֿלעגט ער זיי ארויפֿזעצן צו זיך אויפֿן פֿײַערדיקן פֿערד, אוועקפֿירן זיי אין שול ארײַן און תֵּיכֶף־וּמִיָד פֿערשוואונדן ווערן.

הינטער רָאזע וואָלכנס וואוינט ער מיט זײַן פֿײערדיקן פֿערד. אין הערבסט־צייט, ווען די קינדער הויבן־אָן גיין אין שול ארײַן, נידערט ער אראָפּ אויף דער ערד צוזאמען מיט זײַן פֿײַערדיקן פֿערד און ווארט־אָפּ אין די ווײַטע געסלאך די שוואכע קינדער. דאָרט נעמט ער זיי ארויף צו זיך אויפֿן

פערד און קושט זיי און פירט זיי אין שול אריין.

פראגן: ווי הייבט דער גוטער מענטש?
וואָס האָט ער געהאַט?
וואָס טוט ער מיט די גוטע קינדער?
און וואָסער צײַט פון יאָר ווײַזט ער זיך?

שויז צײַט אין שול.

קינדער, צײַט אין שול שוין שנעלער!
ס'האָט שויז לאַנג געקרייט דער האָן,
און עס שײַנט דער טאָג דער העלער—
גיכער, גיכער, טוט זיך אָן!

קײנער רוט נישט איצט, זײַט זיכער,

אלע ארבעטן געשווינד.

גיכער, קינדער, צו די ביכער:

שלעכט צו זײַן א פוילעם קינד!

פראגן: וואוהין באדארפן גײן די קינדער אינדערפרי?
וואָס איז שלעכט צו זײַן?

4.

מיכעלע.

די מאמע האָט נאָך סוכות גע־
קויפט מיכעלען א נײַ ביכל, אָ־
בער מיכעלע איז געווען א פויל
ייִנגעלע און זיך נישט געוואָלט
לערנען אויף די לעקציעס.
פלעקט ער אײַן די לערביכ־
לאך, פארשמירט די מַעֲשֶׂה־
לאך, שטעכט־אוים מיט א מעסערל די שײנע בילדלאך און
רײַסט־אוים גאנצע זײַטן.

א סך ביכלאך האָט שוין די מאמע געקויפט מיכעלען, אָבער אַלע ביכעלאַך ווערן פארשמירט, פארפלעקט און צוריסן.

איינמאָל, בײַנאַכט, הערט מיכעלע פון שלאָף עפּעס א גערויש ארום זײַן בעטעלע.

עפּענט ער די אויגן, זעט ער אין די פענסטער איז ליכטיק און ארום זײַן בעטל שטייען אַלע חַיות און עופות פון זיינע צוריסענע לערביכלאך.

און אָט קלאָגט זיך א הינטל:

— דו האָסט מיר אָפּגעריסן דאָס ווײדל, מיכעלע... נישט שיין...

א בהֵמָה ברומט:

— מיכעלע, דו האָסט מיר צובראָכן א פוס... איז גוט אזוי?

א טײַבעלע וואָרקעט:

— די פעדערלאך האָסטו מיר אויסגעריסן. מיר איז קאַלט...

א לייב ברילט:

— ווער האָט מיר אָפּגעריסן די פיס, דו, מיכעלע?

געהערט, ווי די אַלע חַיות ריידן און שרײַען מיט גרויס גרימצאָרן, לויפט ער אראָפּ פון בעט און לויפט הענדום־פענדום אוועק צו דער מאמען.

—מאמע! — שרײַט ער אויס נישט מיט זײַן קול—אלע הַיות פון מיינע ביכלאך זיינען געקומען. זיי זיינען זייער בייז, כמַאי איך האָב זיי שלעכטס געטאָן, אָבער, מאמע, איך וועל שוין מער נישט רייסן און נישט פלעכן.

און מיכעלע האָט באֶמֶת געהאלטן וואָרט.

פראַגן: וואָס פאר א ייִנגעלע איז געווען מיכעלע?
וואָס האָט ער געטאָן מיט זײַנע לערביכלאך?
וואָס האָבן אים די חיות געזאָגט?
וואָס האָט ער צוגעזאָגט זײַן מאמען?



דאָס אַוועקגעפלויגענע פייגעלע.

האָב איך געהאט א פייגעלע
מיט פליגעלאך, ווי זייד!
האָט ס'פייגעלע פארלאָזן מיך,
אנטלאָפן ערגעץ ווייט.

װאו ביזטו, הארציקע פײגעלע,
װאו זינגסטו דײַן געזאנג?
צי װײסטו, גאָלדן פײגעלע:
דער הערבסט — ער ציט נישט לאנג.

שמועס:

זאָלן די קינדער דערצײלן, װען און פאַרװאָס פליען־אװעק די פײגעלאך אין די װאַרעמע לענדער.

6.

הערבסט.

אװעק דער זומער און דער הימל איז בעצױגן געװאָרן מיט א שװאַרצער כמאַרע. די בלעטער אויף די בײמער זײַנען געל געװאָרן און בײַטאָג האָט די זון אַרויסגעקוקט פון הימל װי א געלב אומעטיק פּײַערל; אין דרויסן װערט אַלץ קעלטער און קעלטער, און באַגינען כאַפּען שוין הלײנע פראָסטלאך. די פויערים אָבער גראָבן־אויס פון די פעלדער קאַרטאָפל, בוראַקעס, מערן, ברוקװע און קרויט.



אינדערהיים לייגט מען איין קרויט אין פעסער און די פענסטער און טירן באלייגט מען מיט פאפיר, וואטע אדער שטרוי. אין גארטן וויקלט מען ארום די יונגע פרוכטביימעלאך מיט שטרוי, זיי זאלן נישט צופלאצט ווערן פון קעלט און ווינט. די פייגלאך נעמען זיך אויף מהנותוויי און פליען־אוועק אין די ווארעמע לענדער.

פליגן און שרצים באהאלטן זיך אין מאך און אין שפאלטן. דארט שלאפן זיי איבער די קאלטע שווערע צייט.

תשרי, חשון און כסלו זיינען הערבסט־חדשים.

פראגן: וויפיל צייטן איז פאראן אין א יאר?
וויפיל חדשים איז פאראן אין א צייט?
ווי זעט־אויס די זון אין הערבסט?
פארוואס בעלייגט מען די טירן און פענסטער מיט פאפיר?
פארוואס בעהאלטן זיך די שרצים און פליגן?
ווי הייסן די הערבסט־חדשים?

7.

הערבסט.

ס'האָט דער הערבסט אויך שײנע פאַרבן —
פאַרבן רויטע,
הימלען ברײטע,
פעלדער — פרײַ פון קאָרן-גאַרבן.
רויטע הימלען, פרײַע פעלדער —
געלבע מיט גרויען,
טיף אין בלויען
קוקן שטאָלץ פון ווײַט די וועלדער.

8.

דאָס ײנגל-פײגעלע

א קלײן ײנגעלע איז געגאַנגען אין שול. הערט ער אַלע טאָג, ווי עס זינגען די פײגעלאך. אײנמאָל הײבט ער אויף די אויגען צום הימל און רופט זיך אָן:

— איך וואָלט אויך וועלן זײַן א פײגעלע!

אין דער מינוט זײַנען געװאָרן פֿון זײַנע הענטלאך צװײ פֿליגעלאך; פֿון אָנצוגל — פֿעדערלאך און פֿון נעזל און מײַלעכל איז געװאָרן א שנעבעלע. אױפֿגעהױבן האָט זיך דאָס ײנגל־פֿײגעלע הױך, װײער הױך, און איז געפֿלױגן איבער בערג און פֿעלדער.

פֿלוצלונג װעט דאָס ײנגל־פֿײגעלע װי אן אָדלער יאָגט זיך נאָך אים. האָט ער זיך באהאלטן אונטערן דאך פֿון דער שול. אָבער אז ער האָט דערשפּירט, אז ער איז הונגעריק, האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט אױף דער ערד.

אױף דער ערד איז גראָד געלעגן א נעץ מיט קערנדלאך, האָט ער זיך פֿערפּלאָנטערט אין נעץ. גײט א פֿײגל־כאפּער, נעמט ער דאָס פֿײגעלע און װעצט עס ארײַן אין א שטײַגל.

אינדערפֿרי װעט דער ײנגל־פֿײגעל דורכן שטײַגל, װאָס איז געהאנגען בײַם פֿענסטער, װי קינדער גײען אין שול. האָט ער זיך דערמאָנט, אז ער איז אױך אמאָל געגאנגען אין שול און האָט זיך גענומען קלאָגן:

—אין שול איז גוט... דאָרט לערנט מען... אין שטײגל איז שלעכט. איך װיל צוריק װערן א ײנגל...

אין דער רֶגע איז פון ייִנגל־פֿייגל געוואָרן צוריק א ייִנגל. האָט ער צובראָכן דאָס שטײַגל און ארויס אויף דער ליכטיקער פרײַער וועלט. אין גאָרטן האָט ער געפונען זײַנע ביכער און איז מיט אימפעט אוועקגעלאָפן אין שול.

פראגן: פארוואָס האָט דאָס ייִנגעלע געוואָלט ווערן א פֿייגעלע?
וואו האָט זיך דאָס פייגעלע בעהאלטן?
ווער האָט דאָס פייגעלע געפאנגען?
וואָס האָט דאָס געוואָלט ווערן צוריק?

10.

הערבסט־רעגנדל.

גיס, רעגנדל, גיס, רעגנדל!
טאנץ, וואסערל, אויף דר׳ערד!
העי, ריטשקעלאך, העי, טײַכעלע,
פארגרעסערט זיך, פארמערט!
נישטאָ קיין זון אין הערבסט־רעגן,
דער הימל איז, ווי בלײַ!
נאָר לויפן קאָנען וואסערלאך
איז הערבסט אַפילו פרײַ!

פֿראגן: ווי זעט־אויס דער הימל אין הערבסט?
וואָסער צייט פון יאָר איז א רעגנדיקע?

11

בעסער געװאָרן.

יעקעלע איז געװען א גרױסער שטיפער און א כּעסן. האָט ער אײנמאָל געכאַפּט זײַן חבֿרס א ביכל, האָט עס צעריסן, און עס אַרױסגעשמיסן דורכן פענסטער. איז דער חבֿר געקומען צו יעקעלעס טאַטן זיך קלאָגן אױף יעקעלען.

—הער נאָר, יעקעלע,—האָט זיך אָנגערופן דער פאָטער,—פון הײַנט-אָן װעל איך טאָן אזױ: פאַר יעדער עבֿרה, װאָס דו װעסט טאָן, װעל איך אין װאַנט, פאַר דײַן בעטל, אַרײַנשלאָגן א טשװאָק און פאַר יעדער גוטער זאַך, װאָס דו װעסט טאָן, װעל איך אַרױסציִען א טשװאָק.

טאָג-אײַן, טאָג-אױס האָט יעקעלעס טאַטע אַרײַנגעשלאָגן עטליכע טשװעקעס אין װאַנט, און בלױז אײן מאָל אין װאָך אַרױסגעצױגן אײנעם.

אין א פּאָר װאָכן אַרום זעט יעקעלע, אז די װאַנט איז פול מיט טשװעקעס. האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר זײַנע שטענדיקע שלעכטע מעשׂים און געװאָרן א גוט ליב ייִנגעלע, א גוטער תּלמיד און א גוטער חבֿר.

אין א פּאָר װאָכן ארום איז שױן קײַן איין טשװאָק אין װאַנט נישט געבליבן.

פֿראגן: װאָס איז יעקעלע געװען?
װאָס האָט ער געטאָן?
װאָס איז נאָכדעם געװאָרן מיט אים?

10

האָב איך מיר א קלײנעם מיכאלקו.

האָב איך מיר א קלײנעם מיכאלקו, מיכאלקו,

װאױנט ער אױף דער לאַנגער גאַס,

מאכט ער מיר, װאָס איך װיל,

מאכט ער מיר, װאָס ער קאָן,

מאכט ער מיר א פּײַפעליו, א פּײַפעליו –

פּײַפעליו מאכט אזױ:

פליו–פליו–פליו, פליו–פליו–פליו.

מאכט פּײפעליו.

האָב איך מיר א קליינעם מיכאלקו, מיכאלקו,
וואוינט ער אויף דער לאנגער גאס.
מאכט ער מיר, וואָס איך וויל,
מאכט ער מיר, וואָס ער קאָן,
מאכט ער מיר א טרומייטערל, א טרומייטערל,
טרומייטערל מאכט אזוי:
טרו—טרו—טרו, טרו—טרו—טרו
מאכט טרומייטערל.

פראגן: פון וואָס מאכט מען א פײַפעליו?
ווי מאכט פײַפעליו?
ווי מאכט טרומייטערל?
ווער פון די קינדער האָט געהאט א פײַקעליו און ווער א טרומייטערל?

11.

צוהאקט די נאָז.

משהל׳ע, דעם שכנס ייִנגעלע, האָט אונז געוויזן, ווי אַזוי צו שפּילן אין „קאַמער־קאַמער־הויז“. עס איז זייער גרינג, און אַלע קינדער קענען עס שוין. הײַנט האָבן מיר ווידער געשפּילט. אַלע קינדער האָבן זיך אויסגעשטעלט אינמיטן קלאַס, און איינער האָט הויך אויסגערופֿן:

קאַמער־קאַמער־הויז!
כאַפּט די קאַץ אַ מויז!
דער טײַך ברענט!
פֿייגעלאַך פֿליִען!

ווען ער האָט אויסגעלאָזט דאָס וואָרט „פֿליִען“,

האָבן אַלע קינדער גענומען לויפן. יעדערער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן אַ ווינקל. דער קליינער יאָסעלע איז, לויפנדיק געפאַלן און זיך צוהאַקט די נאָז. אָבער ער האָט נישט געוויינט.

פראגן: וואָס האָט משהלע אויסגעלערנט די קינדערלאך?
וואָס האָט איינער פון די קינדער אויסגערופן?
וואָס איז מיט יאָסעלען געשען?

12.

האָב איך מיר אַ קליינעם מיכאַלקע.

האָב איך מיר אַ קליינעם מיכאַלקע, מיכאַלקע,
וואוינט ער אויף דער לאַנגער גאַס.
מאַכט ער מיר, וואָס איך וויל,
מאַכט ער מיר, וואָס ער קאָן,
מאַכט ער מיר אַ פּײַקעליו, אַ פּײַקעליו,
פּײַקעליו מאַכט אַזוי:
טראַבאָם—באָם—באָם, טראַבאָם—באָם—באָם,—
מאַכט די פּײַקעליו.

האָב איך מיר א קליינעם מיכאלכו, מיכאלכו,
וואוינט ער אויף דער לאנגער גאס,
מאכט ער מיר, וואָס איך וויל,
מאכט ער מיר, וואָס ער קאָן,
מאכט ער מיר א פידעליו, א פידעליו,
פידעליו מאכט אזוי:
טידל-לידל, טידל-לידל —
מאכט די פידעליו.

פראגן: פון וואָס מאכט מען אַ פײַקעליו?
ווי מאכט פידעליו?
ווער פון די קינדער האָט געהאט א פידעליו?

13.

דער זייגער.

אין דער שול אויף דער וואנט איז געהאַנגען א זייגער.
פארן זייגער אויף דער פּאָדלאָגע איז גשטאנטן א
קליין יינגל און האָט געפרעגט:
— זאָג מיר נאָר, זייגער, וואָס הייגסטו אויף דער

וואָנט? נאָכאַנאַנד מען הערט פון דיר טיק-טאַק און טיק-טאַק,
און אָפּטמאָל דין-דין-דין. וואָס באַטײַט עס?

האָט דער זײגער געענטוועט:

— איך בין זײער אַ וויכטיקע כּלי און ברײנג דעם מענטשן גרויסע נוצן. קוק זיך נאָר גוט צו צו מיר, ווי אַזוי איך בין געבויט. זעסטו דעם ציפערבלאַט? די רוימישע ציפער אויף דעם ציפערבלאַט באַווײַזן כּסדר די שעהן. אויפ׳ן סאַמע מיטן פון ציפערבלאַט דרײען זיך אום צוויי ווײַזערס. איין ווײַזער באַווײַזט די מינוטן, דער צווײטער באַווײַזט די שעהן. אַז דער מינוטניק גײט-אַרום דעם גאַנצן ציפערבלאַט, הײסט עס, אַז עס איז אַריבערגעגאַנגען זעכציק מינוט אָדער אַ שעה. כּדי דער מענש זאָל גיכער באַמערקן, וואו עס האַלט מיט דער צײַט, קלאַפּ איך יעדע שעה מיטן האַמער אין גלעקל. פון פיראונ-צוואַנציג שעה ווערט אַ מעת-לעת, פון טעג ווערן וואָכן, פון וואָכן — חדשים און פון חדשים — יאָרן.

איצט פערשטײסטו שוין, ײנגל, ווי אַזוי איך באַווײַז די צײַט און ווי נײטיק איך בין?

דאָס ײנגל האָט פרײלאַך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

פראַגן: וואָס פאַר אַ זײגערלאַך האָבן די קינדער געזען?
ווי פיל מינוטן איז פאַראַן אין אַ שעה?
וואָס הײסן ווײַזערס?
פון וויפיל שעה באַשטײט אַ מעת-לעת?
צו וואָס דינט אונז דער זײגער?

14.

אונזער זײגער.

אונזער זײגער האָט אײן פּוס,
און ער װאַרפט זיך הין־און־הער.

און ער רעדט צו זיך אַלײן,
קײנער װײס דאָך נישט זײַן שפּראַך.

טיק־טאַק, טיק־טאַק — זאָגט ער שטענדיק,
רעדט ער אַלץ דיזעלבע זאַך.

קײנמאָל רוט ער זיך נישט אָפּ,
נאָר ער קלאַפּט אַלץ טאָג און נאַכט.

אַז די מאַמע װאָלט געלאָזט,
װאָלט איך אים צורעכט געמאַכט...

פראגן: צי האָט עמיץ פון די קינדער א זײגערל?
פאַרװאָס קלאַפּט דער זײגער?
װיפיל מאָל אין אַ שעה שלאָגט ער?



15.

גוטע קינדער.

דער הימל האָט אָנגעטאָן אַ גרויען מאנטל און טונקל און קאלט איז געוואָרן. פון די ביימער זיינען אראָפּגעפאלן די בלעטער און די פייגעלאך האָבן שוין אויפגעהערט צו זינגען.

לאֶהלע מיט הַיימלען האָבן זיך געשפּילט אין שטוב. צאַצקעס האָבן זיי געהאט אַ סך: שיינע פּופּעס, בליי־ערנע סאָלדאטן און ביכלאך מיט בילדער.

— וואָס איז דאָס אזוינס? — האָט לאֶהלע פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן, אויסשטעלנדיק די אייגעלאך צום פענסטער.

— פייגעלאך, — האָט געענטפערט דאָס יינגל, — עס איז זיי קאלט, ווילן זיי זיך אָנווארימען ביי אונז.

די פֿייגעלאך אונטערן פֿענסטער האָבן זיך צונויפֿגע־דרייט פֿון קעלט. זיי האָבן אויסגעזען ווי גרויע שטיינדעלאך.

— לאָמיר זיי אַרײַנרופֿן צו אונז. — האָט פֿאָרגעלייגט דאָס מיידעלע – און לאָמיר זיי געבן עפּעס צו עסן.

פּאַמעלאך האָבן די קינדער געעפֿנט דאָס פֿענסטער און האָבן געוואָרפֿן די פֿייגעלאך ברעקלאך ברויט און קער־נער. פֿון דעמאָלט־אָן פֿלעגן די פֿייגעלאך אַלע טאָג קומען צום פֿענסטער און די קינדער פֿלעגן זיי געבן צום עסן.

גוטע קינדער זײַנען זיי געווען און די פֿייגעלאך האָבן געהאַט אַ גוטן און אַ זאַטן הערבסט.

פֿראַגן: וואָס האָט לאַרלעך דערזען בײַם פֿענסטער?
וואָס האָט זי פֿאָרגעלייגט?
וואָס האָבן פֿון דעמאָלט־אָן געטאָן די פֿייגעלאַך?

.16

שפּילן מיר אין קעסטעלאך.

שפּילן מיר אין קעסטעלאך, קעסטעלאך,
גייט־אַרויס אַ האָן;
האָן, האָן, וואָס גיסטו דערצו?
— איך גיב אַ קריי.
דער האָן זײַן קריי —
שפּילן מיר ווײַטער אַזוי.

שפּילן מיר אין קעסטעלאַך, קעסטעלאַך
גייט־אַרויס אַ הון:
הון, הון, וואָס גיסטו דערצו?
— איך גיב אַן איי.
די הון איר איי,
דער האָן דעם קריי —
שפּילן מיר ווײַטער אַזוי.

17.

דער ויידע און דאָס ציגעלע.

דאָס איז אַ מַעֲשֶׂהלע, קינדערלאַך, וואָס איז פאַרלאָפן אין הערבסט, דעמאָלט, ווען עס ווערן צײַטיק אַלע פֵּירות. געשיקט האָט דער זיידע דאָס ציגעלע נאָך ניס. גייט דאָס ציגעלע אַוועק און קומט נישט צוריק. ווערט דער זיידע בייז. — וועל איך אָנשיקן אַ וואָלף אויפן ציגעלע, וועט ער אים אײַנבײַסן דעם עק! שיקט דער זיידע דעם וואָלף, קומט ער אויך נישט צוריק. ווערט דער זיידע בייז. — וועל איך אָנשיקן אַ בער אויפן וואָלף, וועט ער אים אײַנבײַסן

דעם עק! שיקט דער ווײַדע דעם בער, קומט ער אויך נישט צוריק. ווערט דער ווײַדע בייז. — וועל איך שיקן א שטעקן, וועט ער שלאָגן דעם בער! שיקט דער ווײַדע א שטעקן, קומט ער אויך נישט צוריק. ווערט דער ווײַדע בייז. — וועל איך שיקן א פײַער, וועט עס פארברע־נען דעם שטעקן! שיקט דער ווײַדע א פײַער, קומט עס



אויך נישט צוריק. ווערט דער ווײַדע בייז. — וועל איך שיקן א וואסער, וועט עס אויסלעשן דאָס פײַער! שיקט דער ווײַדע א וואסער, קומט עס אויך נישט צוריק. ווערט דער ווײַדע שוין ווייער, ווייער בייז. — אויב אזוי, — מאכט ער, — וועל איך שוין שיקן א שטורמווינט און מיר וועלן זען, וואָס ער וועט אויפטאָן!

איז דער שטורמווינט אוועק איופן וואסער, איז דאָס וואסער אַוועק אויפן פײַער, איז דאָס פײַער אוועק אויפן שטעקן, איז דער שטעקן אוועק אויפן בער, איז דער בער אוועק אויפן וואָלף און דעמאָלט איז דאָס ציגעלע הענדום-פענדום געקומען צולויפן מיט ניס, מיט א סך ניס און דער ייִדע האָט זיך הילכיק צולאכט:

—כא-כא-כא!!!

פראגן: וואָס איז א שטורמווינט?
ווען ווערן צייטיג פירות?
וואָס האָט באדארפט ברייגנען דאָס ציגעלע?
ווער האָט אומגעקערט דאָס ציגעלע?

18.

פֿאָרן ייִדן.

פאָרן ייִדען אין א בלאָטע,
נעצן-אײַן זיי די קאפאָטע,
אָבער זינגען זינגען זיי:
„שוין געשניטן האָרן, היי!"

פאָרן ײדן אין אַ רעגן,
סקריפּען מיד די שװערע װעגן,
אָבער זינגען זינגען זײ:
„זײַז װעט תּבוּאָה—אָט אַזױ!"



װינטער.

טֵבֵת, שבט און אֲדָר — זײַנען װינטער־חֳדָשִׁים.
װינטער גײט־אױס די זון שפּעט און פאַרגײט פרי, און דעריבער זײַנען די טעג קאַלט און קורץ.
אין די הײַזער הײצט מען די אײװנס און מענטשן גײען װאַרים אָנגעטאָן.

די ערד איז באַדעקט מיט שניי, װאָס פֿאַלט װי קלײניטשקע זילבער־װײַסע שטערנדלאַך, און יעדעס טײַכעלע, יעדעס שטראָמעלע איז באַדעקט מיט אײז. דער אײַז איז טײלמאָל זײער גראָב און מען קאָן אַפֿילו פֿאָרן איבער אים.

װינטער פֿאָרט מען אױף שליטנס, און קינדער גליטשן זיך אױף גליטש־אײַזנדלאַך.

די חיות ליגן פֿאַרבאַהאַלטן אין זײערע נאָרעס און לעכער, און פֿײגעלאַך זעהט מען גאָר װײניק

אָבער דער װינטער איז אױך שײן, און בשעת מען גײט־אַרױס פֿון דער װאַרימער שטוב מיט די גליטש־אײַזנדלאַך אױף די פֿיס, װילט זיך פֿליען איבערן גלאַטן אײַז אַזױ, אַז דער אָטעם זאָל פֿאַרכאַפּן!..

פֿראַגן: װאָסערע חדשים זײַנען װינטער־חדשים?
פֿאַרװאָס זײַנען װינטער קורץ די טעג?

20.

שנייעלאך

שנייעלאך, שנייעלאך
פלאטערן, דרייען זיך,
האלזן זיך, קושן זיך
ליב און צוגייען זיך.
הימלישע טײַבעלאך
טאנצן און נויגן זיך,
קוקט אויף זיי, קוקט אויף זיי,
זעט, זיי צולייגן זיך!
לאבן זיי, זינגען זיי
קלאָר-ווײַסע שטראלנדיק:
אַט אזוי לעבן מיר—
פריענדיק, פאלנדיק...

21.

דאָס שנײמענטשעלע.

דרויסן איז געפאלן א װײַסער שניי, און די קינ־
דער האָבן זיך געשפּילט אויפן הויף. דאָס שפּיל
איז געווען אזא: מען האָט געמאכט א קויל פון שניי
און פון דער קויל האָט מען נאָכדעם געמאכט א
מענטשעלע. האָט מען דעם מענטשעלע ארײַנגעשטעקט
צוויי שטיקעלאך קוילן, אַנשטאָט אויגן און טאקי באלד
אים צוגעשטעלט א נעזעלע פון שניי. יאנקעלע, א בלאס
יינגעלע, האָט זיך אָנגערופן:

— דאָס שנײמענטשעלע, וועט הייסן באָמעלע.

— פארוואָס באָמעלע? — האָבן די יינגלאך מיט
רויטע דערפראָרענע הענטלאך געפרעגט.

— ווײַל באָמעלע, — האָט יאנקעלע געענטפערט, — איז
געווען א שלעכט יינגעלע... וועט ער דערהערן, אז מען
רופט דאָס שנײמענטשעלע מיט זײַן נאָמען, וועט ער
פארשטיין, אז מען באדארף זיך אויפפירן בעסער.

די יינגלאך האָבן איינגעשטימט און דאָס שניימענ־
טשעלע, וואָס האָט אינגאנצן געלעבט דרײַ טעג, האָט
געהייסן באָמעלע...

פראגן: ווער פון די קינדער האָט געמאכט א שנײמענטשעלע?
אליין, צי מיט חברים?



22

אויפֿן גליטש.

די סאַזשעלקע פֿאַרפֿראָרן שוין!

העי, קינדער— אױפֿן גליטש!

א שפּרונג פֿון ברעג, א לויף, א שופּ

א שטעל די פֿיס, א בליק!

אי, הנאפּעלע, אי, טשוועקעלע,

צושנייד דעם אייז, צוקריק!

אי, פּרעסטערע, נישט קניפּ אזוי

פֿון אײערל דעם שפּיץ!

23

דער עפּלבוים.

דער עפּלבוים, וואָס איז געשטאַנען אונטערן פענסטער, איז געווען אַן אַלטער. אָבער אַלע פרילינג האָט ער געבליט און אַלע זומער האָט ער געשיינקט שיינע גאָלדענע עפּל.

מֵאִירל, א יינגעלע מיט שווארצע אויגעלאך, איז אַלט געווען זעכס יאָר, בשעת ער האָט זיך באַקאָנט מיט דעמדאָזיקן עפּלבוים. דעמאָלט האָט דער בוים געבליט, פונקט ווי ער וואָלט באַשאָטן געוואָרן מיט ווייסע פייגעלאך און נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעטאָן אין גאָלדענע עפּלקליידער. אָבער עס איז אַוועק דער זומער, א גרויער פעלץ האָט צוגעדעקט דעם הימל, א קאַלטער רויער ווינט האָט געפייפט איבער דער ערד און דער בוים האָט פאַרלאָרן זיינע גאָלדענע עפּל, זיינע גרינע בלעטער און שווארץ, נאַקעט און עלענד איז ער געשטאַנען אונטערן פענסטער, ווי אַן אָרימער בעטלער.

מֵאִירל האָט געמיינט, אַז עס איז געקומען א סוף צו דעמדאָזיקן שיינעם בוים, און בשעת ער

האָט געקוקט אויף אים, ווײנען אים די שוואַרצע אײַנ-לאַך פֿאַרלאָפֿן מיט טרערן. אָבער אײנמאָל, אין אַ קאַלטן שנײיִקן פֿאַרנאַכט, האָט ער דער-הערט אַ שטיל שעפּטשן פֿון בוים;

„מֵאירל, מֵאירל, איך וועל נאָך צוריק אויפֿלעבן. און ווידעראַמאָל בליען... גאָלדענע עפּל וועלן מיך באַדעקן, און אויבן, איבער מיר, וועט הײַ-נען אַ בלויער הימל... זײַ רוהיג, מֵאירל״...

אַזוי האָט געשעפּטשעט דער בוים, און מֵאירל האָט זיך באַרוהיגט.

פֿראַגן: צי האָבן די קינדער געזען ווינטערצײַט אַ וואַלד? איז דעמאָלט שײן דער וואַלד?

דער הונט און דער וואָלף

א הונט, וואָס האָט געהאַט בײַם פּויער
נישט קײן שלעכטע קעסט —
און אויך אַ בײַדל הינטער טויער
איז צײַט פֿון גרויסע פֿרעסט

האָט זיך אמאָל צום הונגעריקן װאָלף געװענדט:
איך װאָלט, װי דו, גאָר לעבן נישט געקענט!
דו האָסט דאָך, װאָלף, אזױנע צײן,
װאָס װארפן אן א שרעק, —
דאָך לעבסטו אָפּ דײַן לעבן אין געפאר,
אין הונגער און אין צער.״
—„מען רופט דיך הונט,— און װײסט פארװאָס?-
האָט אָפּגערופן זיך דער װאָלף מיט גרױס פארדראָס-
יעדן פאר א בײנדל, װאָס מען װארפט ארױס
פון הױז—
איז רעכט בײַ דיר צו דרײען מיטן עק
און װארטן גאנצע טעג
אױף אלע הױפן.
און איך, װי גרױס עס זאָל נישט זײַן מײַן נױט-
װעל פאר א שטיקל ברױט
מײַן פרײהײט נישט פארקױפן...״

פראַגן: װאָס טענהט דער הונט?
װער פון די צװײ חיות געפעלט בעסער די קינדער?

25

זון, פראַסט און ווינט.

גייט בענדעט שמש אין פעלד, יאָגט אים דער ווינט, ברענט אים דער פראָסט, אָבער די ווינטערדיקע זון קוקט אים פריינטלאך אין די אויגן אריין. שטעלט ער זיך אוועק אינמיטן וועג און גיט זיי אלעמען אָפּ א שיינעם גוט=מאָרגן.

מאכט די זון:

זיין גוט=מאָרגן געהערט צו מיר, וואָרום ער האָט מורא פאר מיין פייער.

רופט זיך אָן דער פראָסט:

— ניין, זיין גוט-מאָרגן געהערט צו מיר, ווייל פראָסט שרעקט אים מער.

מישט זיך אריין דער ווינט:

— עס הויבט זיך גאָרנישט אָן, רַבּוֹתַי. זײַן גוט-מאָרגן געהערט גאָר צו מיר, װאָרום דער װינט װאַרפט אויף אים אָן אן אֵימָה און א פַּחַד.

װעט די זון, אז יעדער טַעֲנֶה׳ט דאָס זײַניקע און מען קאָן נישט דורכקומען צװישן אײנאנדער, רופט זי זיך אָן:

— װײסט איר װאָס, לאָמיר פרעגן בענדעט שַמֶשׂ אַלײן, װעמען האָט ער אָפּגעגעבן זײַן גוטמאָרגן װײַנע אַלע מְסַבִּים, און די ערשטע פרעגט די זון:

— זאָג מיר נאָר, בענדעט שַמֶשׂ, װעמען פון אונז האָסטו אָפּגעגעבן דײַן גוט-מאָרגן?

ענטפערט קורץ דער שַמֶשׂ:

— דעם װינט!...

װערט די זון ברוגֶז און רופט זיך אָן:

— אויב אַזוי, װעל איך אים פאַרברענען מיט מײַנע פלאַמען...

טוט דער װינד א בלאָז פון מִזְרַח קײַן מַעֲרָב, און זאָגט:

— זון און פראָסט, אָן מיר װעט איר גאָרנישט מאַכן, גאָרנישט אויפטאָן. בענדעט שַמֶשׂ מעג גײן רוהיק זײַן װעג. איך װעל אים דינען, ער באַדאַרף זיך נישט

שרעקן, דרײַסט קאָן ער גײן.

און בענדעט שמש איז רוהיק אװעק זײן װעג.

פראגן: מיט װאָס קאָן שיצן דער װינט קענן דער זון?
פאַרװאָס איז דער װינט שטארק?
װאָס איז אַ װינט?

26.

װינטער.

ס'איז אַ װײַסע, קאַלטע װעלט,
אַ מחיה'דיקע קעלט,
פריש און ליכטיק איז די לופט,
און דער בארג דער הױכער רופט:
איך בין הױך און װײס און גלאַט,
װער פון אײַך איז נאָר אַ כװאַט,
שטײַגט-ארױף צום סאַמע שפּיץ
און אַ לאָז זיך אױפן גליטש!
האָפּ! האָפּ! האָפּ! האָפּ! האָפּ!
גלײַך ארונטער בארג-אראָפּ!

27.

<u>חיימל מיט בערעלען.</u>

בערעלע און חַיימל זײַנען געווען ברידערלאך.

איינמאָל בײַנאכט, ווען בערעלע האָט געלייענט א קינ־דער־מַעֲשֶׂהלע און חַיימל האָט שוין שטארק געשלאָפן, האָט זיך פּלוצלונג דערהערט: „מיאאו! מיאאו!“

נעבן בעט זיינען געלעגן פיר קליינע קעצלאך מיט זייער מאמען—א גרויסע ווייסע קאץ. מיאוקעו די קעצלאך, מיאו־רעט די קאץ און בערעלע קאָן דערווייל נישט לייענען. הויבט ער זיך אויף, נעמט די קעצלאך מיט זייער מאַמען און וואַרפט זיי ארויס אויף דער גאס.

די נאכט איז געווען א קאלטע: א שטארקער ווינט האָט

געבלאָזן. אַ שטעכיגער שניי איז געפאַלן און די קעצעלאַך האָבן געציטערט פון קעלט און געוויינט.

כאַפּט זיך חײמל אויף פון שלאָף און הערט ווי די קע־צעלאַך וויינען אין דרויסן. נייט ער אַראָפּ פון בעט און נעמט זיי אַריין אין שטוב.

האָט די קאַץ פאַרבאַהאַלטן די קעצעלאַך הינטערן וואַ־רימען אויוון און חײמל האָט זיך געלייגט צוריק אין בעט אַרײַן און איז תּיכּף אײַנגעשלאָפן. אָבער אינמיטן שלאָף האָט ער זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט פון בערעלעס אַ קוש. די האָר זײַנען בערעלען צושויבערט געווען און ער האָט געזאָגט:

— דו ביזט אַ וואויל יינגעלע, חײמל. דו האָסט מיך אויס־געלערנט רחמנות צו האָבן אפילו אויף אַ קעצעלע...

זאָל עמיץ פון די קינדער דערציילן עפּיס אן ענליך מעשהלע.

ווינט און שנייעלאך.

אויף די פֿליגלען פֿונם ווינט
פֿאָרן שנייעלאך א סך,
און זיי אײַלן זיך געשווינט,
בּיז זיי קומען צו א דאך.

דאָרטן זעצן זיי זיך צו,
ווארטן אויף אן אנדער ווינט,
נאָכדעם הויבּן זיי זיך אויף,
טראָגן ווײַטער זיך געשווינט.

דער בּוים און דער ווינט.

די זון איז פֿארגאנגען הינטער די בּערג. נאָכדעם האָט זיך די לבָנה בּאוויזן, א קוק געטאָן אויף דער ערד און זיך בּאהאלטן הינטער א וואָלקן.

דער וואלד האָט אײַנגעשלאָפן, דער טײַך האָט אײַנגעדרעמלט...

אָבער דער אלטער בוים בײַם ברעג וואלד קאָן בשום־אופן נישט אײַנשלאָפן. ער האָט נידעריק צו דער ערד אראָפּגעלאָזט די צווײַגן און זיך פאַרטראכט.

נאָר פון ערגעץ איז געקומען דער ווינט מיט א ברייטן שלום־עליכם:

— וואָס איז מיט דיר, אלטער, וואָס שלאָפסטו נישט?

— אָ! עס שלאָפט זיך עפּיס נישט... פון וואַנען קומסטו דאָס אזוי שפּעט?

— איך? פון טײַך! א פישער האָט זיך געאײַלט אהיים, האָב איך אונטערגעטריבן זײַן שיפל און אים צוגעהאָלפן...

— וואָס נאָך האָסטו געטאָן?

— וואָס נאָך? א יידענע האָט פאנאנדערגעהאנגען גרעט, בין איך פארביַיגעלאָפן און האָב דאָס אויס־געטריקנט.

— און דערנאָך?

— דערנאָך? דערנאָך האָב איך דערהערט ווי א קינד וויינט און בעט זיך ביַי דער מאמען: „מאמע, מאמע, זינג מיר א לידעלע". אָבער די מאמע האָט געדרעמלט, בין איך פארכראָכן אין קוימען און פארוויגט דאָס קינד מיט א לידעלע.

— און גאָר?

—און גאָר. א גוטע נאכט, חבֿר! איך לויף וויַיטער.

זאָל עמיץ פון די קינדער אויסמאָלן א בוים, וואָס ווערט געבויגט פון ווינט.

30.

אויפן ווינטער־פענסטער.

אויף מײַן פענסטערל פון אײַז
שפּראָצט א גאָרטן זילבער־פײַן:
בלומען, גראָז און זונען־שײַן
און א בוים א גרויער גרײַז.

אויף מײַן פענסטערל פון אײַז
וואַקסט א וואלד א גרויער גרײַז.
שנײַדט אים דורך א טײַכל ריין,
זילבער־קלאָר און זילבער־שײַן.

אויף מײַן פענסטערל פון אײַז,
אויסגעשטעלט ווי אין א קרײַז,
שטייען בערגעלאך א סך
און באצירט מיט זילבער־סבך.

פראגן: וואָסערע בלימעלאך געפעלן די קינדער בעסער—
די בלימעלאך אויפן פענסטער, צי די בלימעלאך
אויפן לאָנקע?

31.

חנוכּה.

דרויסן איז געווען א גרויסער פראָסט, אָבער בײַ
טאַטע דעם שוסטער אין שטיבעלע איז געווען וואַרים.
מיט אומגעדולט האָט משהלע און דבורהלע גע־
וואַרט, דער טאַטע זאָל שוין בענטשן חנוכּה־ליכט.
אָט האָט זיך דער טאַטע אײַנגעבויגן איבערן
זאַמד־כּעסטעלע, געמאַכט די בּרכה און אָנגעצונדן
מיטן שמש דאָס ערשטע ליכטעלע.



שענער און ליכטיקער איז געוואָרן אין שטיבעלע.
א גרויסע פרייד איז עס געווען פאַר משהלען און
דבורהלען.

אין יעדן אָוונט פֿון די אכט חנוכּה-טעג זײַנען ווי מיט בלישטשענדיקע אויגן געשטאַנען ארום די ליכט-לאַך, אויף ווייערע בלייכע פּנימלאַך פֿלעגט זיך אָפּ-שפּיגלען דער פֿינקלדיקער שײַן פֿון די שוואַכע פֿײַער-לאַך. און יעדן אָוונט זײַנען די קינדער ניט אָפּגע-טראָטן, ביז וואַנען די ליכטלאַך פֿלעגן אינגאַנצן נישט אויסברענען.

האָבן פֿרײלאַך געברענט די וועקסענע ליכטעלאַך, מוטיק געפֿינקלט אינם וואַרימען שטיבעלע און, ווי שײַ-נענדיקע נאַכט-שטערנדלאַך, שמייכלענדיק געפֿינטעלט צו די קינדער מיט ווייערע פֿײַערלאַך.

— א גוטן-חנוכּה אײַך, קינדערלאַך, א גוטן-חנוכּה אײַך, טײַערינקע! זאָל אײַך תּמיד ליכטיק און פֿריי-לאַך זײַן! און וואו איר זאָלט זיך ניט קערן, זאָלן תּמיד גוטע פֿײַערלאַך אײַער וועג באַלײַכטן!

פֿראַגן. אין וועלכן חודש איז חנוכּה?
וויפֿל טעג איז חנוכּה?

32

װינטער אױפן טײַך.

הֶבְרֶה לױפן אױף די גליטשן,
מאכן קונצן, הילכן, קװיטשן,
און דער אײַז איז בלױ און װײך,
װי דער הימל אין דער הײך.

ייִנגלאך אין די גרױסע הוטלאך
פליען באַרג אַראָפּ אױף שליטלאך
מיט אַ פײַף און געשרײ,
קוליע, קוליע — און אין שנײ!

ייִנגלאך ראַיען זיך און שלעפּן,
קײַקלען קלעצער שנײ און קלעפּן
פּעטער שנײערס גוט און װאױל,
מיט אַ נאָז און מיט אַ מױל.

שטײט אַ ייִנגל בײַ דעם טױער,
רײַבט דעם אױער: פּעטער שנײער,
װאָלסט אַזױ ביז פּסח שטײן
ביז מען קאָן אין װעלדל גײן.

33.

דער אלטער וואָלף.

אַ גערִיכטער שניי האָט באַלייגט דעם אלטן וואלד, ווי מיט וואַטע, אָבער דער פראָסט האָט געברענט. חַיות אין עֲפוֹת האָבן זיך באהאלטן אין די נאָרעס און נעסטן.

שטאָלץ האָט דער פראָסט א זאָג געטאָן:

—דער טייך זאָל זיך שטעלן!

און דער טייך האָט זיך געשטעלט.

נאָכדעם האָט ער באַפוילן:

—דער הימל זאָל גרוי ווערן!

און דער הימל איז גרוי געוואָרן.

דער פראָסט האָט געוועלטיגט א וואָך און צוויי און דריי און פון שָעָה צו שָעָה האָט ער זיך אלץ געשטארקט. דער אלטער וואָלף, וואָס איז געלעגן

פארבאהאלטן אין נאָרע, האָט דערשפּירט א פּײַנליכן הונגער, איז ער אַרויס פון נאָרע זוכן שפּײַז. דעם עק האָט ער אפילו געהאַלטן צווישן די הונטערשטע פיס, אָבער די אייגן האָבן איבּ געברענט. ער האָט געזוכט דעם וועג צו א באַקאַנטן ישוב.

—וועג פעלע, וואוהין גייסטו?— האָט ארויסגעווײנט פון נעסט א דערפראָרן פײגעלע. — גיי צוריק, וועסט דערפראָרן ווערן.

—אָבער דער אַלטער וואָלף האָט געמאַכט דרײַסטערע טריט און צוגעוואָרפן אן ענטפער דורכן ווינט

—נארישער פײגל, מוט איז שטארקער פון פראָסט. איך וועל געפינען דאָס, וואָס איך זוך און וועל מיך דערוואַרימען.

דאָס פײַנעלע איז אין דער אײגענער נאַכט דערפראָרן געוואָרן, אָבער דער וואָלף האָט זיך שוין דערוואָרעמט: ער האָט געפונען שפּײַז אינם באַקאַנטן ישוב.

פראגן: וואָס הערט פונם טײך=וואַסער ווינטער?
פארוואָס לײַדט דער וואָלף הונגער אום ווינטער?
וואָס האָט געראַטעוועט דעם וואָלף פון הונגער?
וואָס איז געוואָרן מיטן פײגעלע?

.34

שַׁלַח־מָנות.

אייגלאך—בליץ און בעקלאך—פלאם,
דאָס היטל אויף א זײַט,—
לויפט קליין־משהלע אהיים,
יום־טובדיק פארשײַט.

האָט שלח־מָנות אײַנגעקויפט:
צוויי צוקערלאך מיט בערד,

טײַבעלאך און פייגעלאך,
א פישל און א פערד.

פלוצלונג—ערשט פיק־חַיִמל
די טיר האָט אויפגעמאכט:

„אָ גוט-פּורים, משהלע!
שלח-מנות דיר געבראַכט!"

חיימל, מײַן חבֿרל,
כ'האָב אַ פּישעלע פֿאַר דיר!
כ'גיב דיר אויך די פֿײַגעלאַך,
נאָר לאָז דאָס פֿערדל מיר.

פֿראַגן: אין וואָסער חודש פֿאַלט־אויס פּורים?
ווער פֿון די קינדער האָט געשיקט דעם חבֿר שלח־מנות?

.35

דער לעצטער ווינט.

דער אַלטער ווינט האָט זיך מיד אַרומגעשלעפּט איבער די פֿאַרשנײַטע פֿעלדער. ער איז אויסגעגאַנגען אין אַסך שטעט און דערפֿער. ער איז אַרומגעקראָכן איבער אַלע דעכער, האָט געקלאַפּט מיט די לאַנגע, קאַלטע פֿינגער אין די שויבן און געפּײַפֿט אין די קוימענס.

פּלוצלונג איז געוואָרן אין די שטעט אַן אָדליגע. דער ווינט האָט קוים באַוויזן אַרויסצוקריכן פֿון אַ קוי-

מען, וואו ער איז גראָד דעמאָלט געלעגן און געזונגען,
און איז קוים מיטן לעבן אנטלאָפן אין די פעלדער.

דערזעט ער דאָרטן ווײַט, וואו דער הימל־גיסט זיך
צונויף מיטן פעלד, שטייט אַ דעמב. טראַכט זיך דער
ווינט: „אונטערן דעמב וועל איך זיך לייגן אָפּרוען.“
האָט ער זיך קוים דערשלעפּט צו יענעם אָרט און אָן
כּוחות אַנידערגעפאַלן אונטערן דעמב.

ער איז באַלד אײַנגעשלאָפן, דער ווינט, און געזען
האָט ער אַ שווערן חלום מיט זאווערוכעס, מיט גרוי־
סע שניישטורמס און פּיפּעריײַען פון טויזנטער ווינטן.
לאַנג איז ער געשלאָפן, אָבער אַז ער האָט זיך אויפ־
געכאַפּט, האָט ער זיך נישט געקאָנט אויפהויבן: די
זון, די גאָלדענע זון האָט געקושט די ערד, און יונגע גרע־
זעלאַך האָבן געשמייכלט צום בלויען הימל.

דער ווינט האָט זיך צוריק אויסגעצויגן אונטערן דעמב
און זיך שוין מער נישט אויפגעהויבן.

פראגן: פון וואָס ווערט אַן אָדליגע?
פאַרוואָס האָט זיך דער־ווינט נישט געקאָנט אויפהויבן?

36.

די ערשטע פרילינגטעג.

די זון איז אין דרויסן!
די זון איז אין דרויסן!
דער שניי ליגט שוין שיטער און בלאַס.
עס פּאַקט זיך דער ווינטער
אין וועג אין זײַן ווײַטן,
די וואַסערלאַך זינגען אין גאַס.

פּאַר-פּאָר, ליבער ווינטער!
גענוג דיר געזעסן,
גענוג דיר געשאַטן מיט שניי.
עס וואַרט שוין דער פרילינג
מיט זײַדענע לאָקן
און גאָלדענע שטראַלן אויף זיי.

פראגן: ווער פון די קינדער האָט באַגלייט דעם ווינטער מיט
א זײַ־געזונט?
אויף וויפיל צײַטן פון יאָר גייט־אוועק דער ווינטער?

.37

פרילינג.

ניסן, איִיר און סיוָן זײַנען פרילינגס-חדשים.

פרילינג זײַנען שוין די טעג לײנגער, די נעכט — קירצער. די זון שטײט לײנגער אין הימל און פון טאָג צו טאָג וואַרימט זי אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער די ערד. דער שנײ ווערט צושמאָלצן, די טײַכן באַפרײַען זיך פון אײַז און ווערן ברײטער און גרעסער.

אויף דער ערד באַווײַזן זיך גראָזן, אויף די בײמער און קוסטעס צולאָזן זיך בלעטלאך. חיות גײען אַרויס פון זײערע נאָרעס. די פײגלאך קערן זיך אום פון די וואַרימע לענדער און הויבן אָן בויען זײערע

נעסטן. עס באַווײַזן זיך טויזנטער מִינִים פֿליגעלאך און שְׁרָצִים.

עפּלבײמער, באַרנבײמער, קאַרשנבײמער, פֿלױמען־בײמער — אַלע, אַלע נעמען זיך אָנטאָן אין װײַסער בלי־אונג. אַלע פּײַערן דעם גרױסן שײנעם, פֿרײלאכן פֿרי־לינג־יום־טוב.

פראגן: װאָסערע חֲדָשִׁים זײַנען פֿרילינג־חֲדָשִׁים?
פאַװאָס זײַנען אין פֿרילינג די טעג גרעסער?
פֿון װאנען קערן זיך אום די פֿײגלאך?
װער פֿון די קינדער האָט געזען א װאלד אין פֿרילינג?

38

אָנהױב פֿרילינג.

זײַ איך מיר און צײל די טעג,
ביז דער װינטער װעט אַװעק...
נאָך א שנײ און נאָך א פראָסט,
נאָך א נאסער שטורם בלאָזט,
ס'איז דער הימל שװער און שװארץ,
אָבער גרינג איז שױן דאָס הארץ.

פֿרילינג וואַרט שוין בײַ דער שוועל,
באַלד וועט קומען אַ באַפֿעל,
וועט ער געבן זיך אַ ווײַז,
וועט צעווײנען זיך דער אײַז...
וועט ער עפֿענען אַ שלאָס
און אַרויסלאָזן דאָס גראָז,
וועט ער געבן זיך אַ וואָרף
אויפֿן פֿעלד און אויפֿן דאָרף,
וועט עס ווערן אינדערפֿרי
אַ געפֿיפֿס און אַ געבלי.

39.

בערעלע און לאַהלע וועקן דעם פרילינג.

לאַהלע מיט בערעלען זײַנען געשטאַנען בײַם פֿענ-
סטער און געקוקט אין גאָרטן אַרײַן.

— לאַהלע, — האָט זיך בערעלע אָנגערופֿן, — אין גאָרטן

ליגט נאָך דער שניי. דער פרילינג קומט נישט. דער הימל איז א גרויער. די בלימעלאך שלאָפן.

— די בלימעלאך שלאָפן? — האָט זיך לאָהלע גע־חדושט. — פארוואָס שלאָפן זיי אזוי לאַנג? דאָס זיינען פעפערס א ביסל!

לאָהלע האָט אויסגעשטעלט א פּאָר אימעטיקע אייגעלאך צום גאָרטן און זיך פלוצלונג א ריס געטאָן פון אָרט.

— ווייסט, בערעלע! קום, לאָמיר גיין אויפוועקן דעם פרילינג, די בלימעלאך. למאי שלאָפן זיי!

ביידע האָבן שנעל ארויפגעוואָרפן אויף זיך די מאַנ־טעלאך, פיַיל־פון־בויגן ארויסגעלאָפן פון שטוב, זיך אריינגעכאפּט אינם פארשנייטן גאָרטן, אויפגעהויבן די אויגן צום פארכמארעטן הימל און הויך אויסגערופן:

— פרילינג, ליבער פרילינג, קום גיכער, מיר וואַרטן! בלימעלאך, טייַערע בלימעלאך, שטייט־אויף פון שלאָף! גענוג געשלאָפן!

ווי מאי־גלעקעלאך האָבן מונטער געקלונגען זייע־רע שטימעלאך אין גאָרטן און ביידן האָט זיך גע־דאַכט, א ז ידי לופט איז ווייכער געוואָרן, דער הימל־

העלער און אז פון ערגעץ װײַט װינקען און שמײכלען
צו זײ װײַסע, בלױע און גרינע בלימעלאַך.

פראגן: פאַרװאָס האָבן די קינדער אזױ געבײנקט נאָכן פרילינג?
װער פון די קינדער האָט געבײנקט שטאַרק נאָכן פרילינג?

40

א גאסט פּאָרט.

אַ גאסט פּאָרט, אַ גאסט פּאָרט—
גײט־ארױס מיט פּאָנעם:
פולע קעשענעס און הױפנס
ברײנגט ער אונז מַתָּנות.

נישט קײַן ניס און נישט קײַן עפּל,
נישט אַפילו בּאַרן,—
און ער ברײנגט אונז, און ער ברײנגט אונז
פײגלאַך גאנצע שאַרן.

נישט קײַן ביכלאַך, נישט קײַן צאַצקעס,
נישט אַפילו שטריקלאַך,—

און ער ברײנגט אונז, און ער ברײנגט אונז
גראָז אויף אַלע בריקלאַך.

41

דער ליבער גאַסט.

פרײלאַך האָט זיך דער לערער אויפגעהויבן פון זײַן אָרט נעבן טישל, א ווײַז געטאָן מיט דער בלאַסער האַנט צום פענסטער און זיך אָנגערופן.

— קינדער, מיר האָבן א ליבן, א טײַערן גאַסט, קומט, לאָמיר גײן אים באַגעגענען מיט שׂמחה, ווי עס פּאַסט פאַר אַזא טײַערן גאַסט.

— וואָס איז דאָס פאַר א גאַסט? פון וואַנען איז ער געקומען? — האָבן די קינדער פאַרחידושט געפרעגט דעם לערער.

און דער לערער האָט ווידעראַמאָל א ווײַז געטאָן צום פענסטער מיט זײַן בלאַסער האַנט און זיך ווידעראַמאָל אָנגערופן:

— דאָס איז א גאָלדענער גאַסט! א זוניקער גאַסט! קײנער זעט אים נישט, אָבער יעדער פילט מיט אַלע חושים,

אז ער איז געקומען, אז א גרויסער גאסט איז דאָ. און נישט בלויז דער מענטש אליין פילט אים. עס פילט אים די פארשמאכטע ערד. דאָס אומעטיקע ווינטער-צווייַגעלע אין וואלד, דאָס פייגעלע אין לופטן. און אלע באגעגענען אים מיט שׂמחה, מיט ליבע, מיט געזאנג און געלעכטער.

—לערער, אָבער ווער איז ער, דער דאָזיקער גאסט?—האָבן די קינדער, ווייער נייַגעריק, זיך געשטויסן ארום אים.—ווי הייסט ער?

—קינדער,—האָט דער לערער געענטפערט,—זען קאָן מען אים נישט... אָבער ער איז געקומען צו מיר און צו אייַך און צום וואלד און צו די פייגעלאך. פרילינג איז זייַן נאָמען... קומט, לאָמיר ארויסגיין אין פעלד.

אין א פערטל שָעָה ארום האָבּן שוין די קינדער צוזאמען מיטן לערער פרײלאך מארשירט אין פעלד־צו באגעגענען דעם טײַערן זוניקן גאסט.

זאָל עמיץ פון די קינדער דערציילן, ווי אזוי ער האָט באגעגנט דעם ליבן גאסט פאָראיאָרן?

42

פרילינג־גלעקעלאַך.

פרילינג, פרילינג!
בלוי און גרין!
אינם רויז־קוסט
שפילט א בין.

אויף א גרעזל,
פלינק און גרינג,
טאנצט און גלאנצט
א שמעטערלינג.

פֿרילינג, פֿרילינג!
ײנגל, זעסט?
אויפֿן שפּיץ פֿון
בוים א נעסט.

ס'וואוינט דער קוקו
דאָרט—ער מאַכט:
„קו—קו! קו—קו!"
אַלע נאַכט.

43

צוויי שוועלבעלאַך.

אין אָנהויב פֿרילינג האָבן זיך צוויי שײנע שוועל־בעלאך גענומען פֿלעכטן א נעסטל אינם דאך איבער אונזער שטיבל.

טאָג־טעגלאך פֿלעגן זײ נאָכאנאנד ארומפֿליען ארום דעמדראָזיקן אָרט. האָט אײנס אין מויל א ביסל נאסן לײם געבראכט, האָט דאָס צווײטע אין שנעבע־

לע א שטרויעלע צוגעטראָגן. האָט איינס ערגעץ א שטרי־
קעלע געפונען, האָט עס דאָס צווייטע מיט די פיס־
לאך און מיטן פּיסקל צודריבלט און איז ליים ארײַנ־
געקנאָטן.

און פּאר א קורצער
צײַט איז פונם ליים מיט די
שטרויעלאך א נעסט געוואָרן,
שיין צוגעקלעפּט צום וואנט,
אונטערן ברעג דאך, באַ־
האלטן פון מענטשנס אויגן,
פון ווינטן, רעגן און געפאר.

ווען דער נעסט איז פאר־
טיק געוואָרן און האָט זיך
גוט אויסגעטריקנט,—האָבן די שוועלבעלאך אָנגעהויבן
טראָגן, וויגנדיק זיך איבערן הויף, ווייכע פעדערלאך
אין זייער נײַער זומערוואוינונג. איז א שוועלבעלע ארײַן
אין נעסט, א פעדעמל ארײַנגעטראָגן, האָט אים דאָס צווייטע
געהיט און אָפּגעווארט, ארומשוועבנדיק אין דערלופטן,
און ווען דאָס ערשטע איז ארויס פון נעסט, איז דאָס
צווייטע ארײַן מיט א פעדערל אין מײַלכל. אזוי האָבן די

פלינקע שװעלבעלאך געארבעט פלײַסיק, ביז זײער דירד איז אינגאנצן פארטיק געװאָרן.

פראגן: װער פון די קינדער האָט געזען א נעסט?
צי האָט עמיץ פון די קינדער געזען, װי אזוי די פײגלאך בויען נעסטן?

44

דער האָן.

נעבן שײַער אויבנאָן
שטײט און קרײט דער װײַסער האָן,
זאמלט זיך אן עולם אויף—
אלע הינער פונם הויף.

זײ פון הינטן, ער--פאָרויס,
מארש! הקפות ארום הויז.
און פון סאזעװקע דערבײַ
קומט א װילדע קװאָקערײַ...

צווײ חֲבֵרים.

ווײַט פון ישוב, צווישן פעלד און וואַלד, בײַ א שטילן טײַכל, איז געשטאַנען אן אַלטע מיל. נעבן דער אַלטער מיל איז געשטאַנען אן אַלט הײַזל. אינם הײַזל

האָט געוווינט נָחום דער מילנער מיט זײַן אייניקל יאָ־סעלע.

יאָסעלע האָט קײן חֲבֵרים נישט געהאַט, האָט ער א גאַנצן טאָג זיך געשפּילט מיט מוטשיקן. דאָס איז געווען א גרויסער געלער הונט, וואָס האָט געוווינט בײַ זײ אויפן הויף.

איינמאָל, פרילינג־צײַט, בשעת א גאָלדענע זון האָט

פאַרגאָסן די פעלדער מיט הײסן ליכט, איז דער טײַך אַרויס פון די ברעגן. הויכע כוואַליעס זײַנען אַרומגע־שפּרונגען אויף די אַרומיגע לאָנקעס, ווי צורײצטע חיות.

קוקט יאָסעלע אין פענסטער, זעט ער, ווי אַ צו־רײצטע כוואַליע האָט אַ כאַפּ געטאָן מוטשיקן, וואָס איז געשטאַנען אויף דער לאָנקע נעבן דער מיל און אַרײַנ־געשלעפּט אים אין מיטן שוימיקן טײַך. פונם געלן הונט האָט זיך אַרויסגעזען בלויז אַ קלײן שוואַרץ נעזל.

אַ קאַלטער שווײס איז יאָסעלען באַפאַלן. לויפט ער אַרויס פון שטוב, וואַרפט זיך אַרײַן אין וואַסער און שלעפּט־אַרויס דעם הונט. איז דער הונט אַוועק־געלאָפן צום הײַזל און דאָרט זיך אָפּגעטרײסלט און אַרומ־געלעקט.

אין דער אײגענע רגע אָבער האָט אַ כוואַליע אַ כאַפּ געטאָן יאָסעלען, וואָס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און זיך נישט געקאָנט מער ראַנגלען מיט די כוואַ־ליעס. דערזען, אַז יאָסעלע טרינקט זיך, האָט זיך איצט מוטשיק אַרײַנגעוואָרפן אין וואַסער און אַרויסגעשלעפּט דאָס ייִנגל.

צוויי טרײַע חבֿרים. יאָסעלע האָט געראַטעוועט מוטשיקן, מוטשיק האָט געראַטעוועט יאָסעלען.

פראַגן: צי האָט עמיץ פון די קינדער געזען אַמיל?
וואָסערע מילן זײַנען פאַראַן?
צי האָט עמיץ פון אײַך געזען אַ געווויסער?

46

דער הונט.

פון קאַנורע קומט דער הונט,
גענעצט־אויס זין גאַנץ געזונט,
ציט די לאַפּעס אויס און פּרובט
כאַפּן פליגן אין דער לופט...
פליגן זײַנען דאָ נישט פיל,
טוט ער גאָר דערווייל אַ ביל
אויף דער גרויסער קופּע שטרוי,
גלאָט פון היימליכקײַט אַזוי...

זעט ער ייִנגלאַך נעבן פּלויט
גראָבן גערטלאַך אינם קויט.

מיט געפּילדער און געשרײ
לויפט ער שפּילן זיך מיט זײ...

47

בּ ו שׁ ל ע ס.

װען דער שנײ איז צעגאַנגען, האָבן זיך די בּוש-לעס אומגעקערט פון די װאַרימע לענדער אין אונזע-רע קאַנטן. אונזער שטוב איז געשטאַנען אין עק שטעטל, פלעג איך אַלע טאָג זען, װי זײ פליען הויך סאַמע אונטערן הימל, לאַנג אויסגעצויגן די העלזער אויף פאָרנט און די פיס אויף הינטן. די קינדער פלעגן פאַרדרײַסן די קעפּלאַך און שרײַען „בּושל, בּושל, דײַנע קינדער ברענען!" מיר האָבן געמײנט, אַז װען מיר שרײַען אַזױ, פליען די בּושלעס געשװינטער.

איך האָב געװאוסט, אַז װען מען זאָל אויף אַ בּוים אױעקלײגן אַ ראָד אָדער אַ בּראָנע, װאָלטן די בּוש-לעס אויסגעבּויט דערויף אַ נעסט, אָבער איך האָב נישט געטראַכט דערפון. איך בּין נאָך געװען אַ נאַריש קינד און האָב געמײנט, אַז װעגן טרֵפָה עופות איז נישט כּדאַי

צו װאָרגן. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, אַז טרֵפָה עופות קאָנען אויך אַזוי שײן זײַן, װי כָּשֵרע, און אויב מען זאָל אפילו זײער פלײש נישט עסן, זײַנען זײ דאָך נוצלאָך. אָט, למָשָל, ברײנגען די בושלעס נוצן דערמיט, װאָס זײ ראָטן־אויס שלאַנגען, װערם, מײַז און אַנדערע באַשעפענישן, װאָס קאָנען שעדלאָך זײַן פאַרן מענטשן.



נאָר פונדעסטװעגן בין איך זײער צופרידן געװען, װען אונזער שָכן, דער פױער יורקע, האָט אײנמאָל פאַר פֵּסַח אַרױפגעלײגט אויף דעם טאָפּאָל־בױם, װאָס איז געװאַקסן נעבן אונזער פאַרקאַן, אַן אַלטע ראָד פון אַ װאָגן. אַ פּאָר בושלעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף

דער ראָד, האָבן זיך אַרומגעקוקט און װײַטער אװעק־
געפלױגן.

—סטײַטש, למאַי געפעלט זײ דאָ נישט? —האָט יורקע
מיט פאַרדראָס געטענהט.

איז ער אַרױף אױפן בױם, באַקוקן, װאָס איז די
סיבה.

—עהע, —האָט ער אַ זאָג געטאָן פון בױם, —װי זײַ־
נען דאָך געריבט. די ראָד האַלט זיך שװאַך. דער
ערשטער שטורמװינט װעט זי אַראָפּגעריסן צוזאַמען
מיטן נעסט. קלוגע עופות, װי האָבן דאָס גלײַך באַ־
מערקט.

און ער האָט זיך גענומען אײַנאָרדענען די ראָד אַזױ,
אַז זי זאָל זיך האַלטן פעסט.

אין אַ טאָג צװײ, דרײַ אַרום האָט זיך אין אַנדער
פּאָר בושלעס אַראָפּגעלאָזט אױפן ראָד, און די זײַנען שױן
פאַרבליבן.

זײ האָבן זיך תּיכּף גענומען צו דער אַרבעט: גע־
שלעפּט דאַרע צװײַגלאַך און באַלײגט דערמיט די ראָד,
אױף די צװײַגן אָנגעשפּרײט װאָרצלען פון גראָז צו־
זאַמען מיט ערד, אַרומגעפּלאָכטן דעם נעסט מיט דינע
ריטעלאַך און אינמיטן אױסגעבעט מיט טרוקענע בלע־

טער, נראָז, שמאטעס, וואָס זיי האָבן געפונען אין פעלד. אגאנצע וואָך האָבן זיי געארבעט, ביז דער נעסט איז פאר טיק געוואָרן.

ווען איך בין נאָר געווען פרײַ, פלעג איך אכטונג געבן, וואָס טוט זיך אין נעסט. איך האָב געזען, ווי אמאָל די בושעליכע, אמאָל דער בושל, זיצן אויף אייער. איך האָב געזען די קליינע בושעלאך, וואָס זײַנען ארויס פון די אייער. די גרויסע האָבן זיי געהיט, געשפּײַזט, באַשיצט מיטן אייגענעם קערפער פון רעגן, קעלט און היץ.

פראגן: פארוואָס האָבן די בושלעס לכתחילה זיך נישט געוואָלט באזעצן אויף דער ראָד? אין וואָסער צײַט קומען צופליען די בושלעס?

48

דאָס פעלד רופט.

זעט, ווי עס פאלן
גאָלדענע שטראַלן
גלײַך אויף דער ערד!

פײגעלאך זינגען,
פליען און קלינגען—
שײן איז די וועלט!

טײַכעלאך ברומען,
ס׳שמײכלען די בלומען—
שײן איז די וועלט.
ײדישע קינדער,
לױפּט=זשע געשװינטער,
ס׳רופט אײַך דאָס פעלד!

49

בינעלאך.

פרילינג איז געװאָרן, װניק איז אין דרױסן. אויף די בײמער האָבן זיך באװיזן יונגע בלעטעלאך. אין פעלד— גרינע גרעזעלאך און פארביקע בלימעלאך.

האָט זיך אויפגעכאַפּט דאָס בינעלע פון ווינטער־שלאָף. רײַבט עס זיך אויס די אויגן מיט זײַנע האָריקע לאַפּקעלאַך און וועקט־אויף זײַנע חבֿרים.

קוקן זײ אַרויס דורכן פענסטערל פון בינשטאָק, זעען זײ, אַז דרויסן איז זוניק און וואַרים, און פון שניי און אײַז איז קײַן זכר נישטאָ. פליען זײ אַרויס פון בינשטאָק, לאָזן זיך אַוועק צום נאָנטן עפּלבוים און רופן זיך אָן:



—עפּלביימעלע! עפּלביי־מעלע! אפשר האָסטו עפּיס פאַר אָרימע בינעלאַך. אַ גאַנץ ווינטער האָבן מיר געהונ־גערט.

— ניין, — מאַכט דאָס עפּלביימעלע, — איר זייט געקו־קען צופרי. איך האָב נאָך קײַן בליונג נישט אויף מײַ־נע צווײַגן.

פליען זײ אַוועק צום קאַרשנביימעלע, וואָס איז גע־שטאַנען נישט ווײַט.

— ליב קאַרשנביימעלע, — זינגען זײ שטיל, — זאָג, וואָס קאָנסטו שײנקען פאַר אָרימע בינעלאַך?

ענטפערט דאָס קארשנביימעלע:

—דערוויילע נישט. איר וועט דאָך, מיינע צווייגן ווײַ־
נען נאָך נאקעט, קיין בליונג נישטאָ, קומט שפּעטער.

פליען די בינעלאך צו א טולפּעבלימעלע, באקוקן
זיי עס פון אלע זייטן, זעען זיי, אז דאָס איז נאָך אליין
אָרים און בלאס. ווילן זיי שוין אוועקפליען אהיים, עס
פייניקט זיי דער הונגער—א גאנץ ווינטער נישט געגעסן.
דערזעען זיי אָבער פלוצלונג א געלב בלימעלע, וואָס
הייסט פּרילינגשליסעלע. עפנט דאָס בלימעלע זיין
שעלכעלע, טרינקט־אָן און זעטיקט־אָן די מידע בינעלאך
און, פריילאכע, פליען זיי אוועק אהיים.

פראגן: וואָס טוט דאָס בינעלע ווינטער?
וואָס עסט א בינעלע?

50

עֶרֶב פֶּסַח.

גרי, שטיינדעלע,
קלאַפּ העמערל,
לאָך טײַבעלע,

וואַש און רײַב

דעם ווינטער אָפּ.

קלינג, שטייסעלע, — דריי, רעדעלע,
קנאַק, מַצהלע, — צוויטש, פייגעלע,
שפּיל, ווײַנעלע, — שמעק, ערדעלע
שײַן און בענטש — ציר און פּוץ
דעם פּסַח אונז. — דעם יום־טוב אויס.



51

עֶרֶב פּסַח.

געקומען דער גוטער ליבער יום־טוב פּסַח. א וועל־טענער עֶרֶב פּסח הײַנטיקס יאָר, א ליכטיקער טאָג, א וואַ־רימער דרויסן.

אין שטאָט רוישט, קאָכט און זידט. עס איז עֶרֶב

פֵּסח. ווײַבלאַך און מײדלאַך שטײען אין דרויסן, וואַשן, רוימען און כַּשֶרן אויף פֵּסח. מיר, איך מיט בוזין, לאָזן זיך גײן אונטערן שטאָט. אין דרויסן איז גוט, אין דרויסן איז וואויל. די זון האַלט שוין ווײַט אין הימל, קוקט שוין אראָפּ פון יענער זײַט שטאָט. עס איז ברײט און גראָס, ווײך און פרײַ ארום און ארום. ערטערווײַז שלאָגט זיך דורך פון בארג, וואָס אויף יענער זײַט שול, א גרע־זעלע, א גרינס, א פריש, א צאַפּלדיקס, מיט א קוויטש און מיט א פײַף־פליט אדורך איבער אונזערע קעפּ א גלײַך שנירל פון קלײנע שוועלבעלאך.

איך גײ, די הענט אין די קעשענעס, טרײסל מיט די ניס, די ניס קלינגען. בוזי גײט מיט מיר טריט בײַ טריט. איך קאָן נישט גײן פּאַוואָליע, עס טראָגט מיך אין דער לופטן; מיר ווילט זיך פליען, שוועבן. איך לאָז מיך לויפן, בוזי לויפט מיט מיר. איך שפּרינג אויף די צונויפגעלײגטע קלעצער, פון אײן קלאָץ אויפן אנדערן. בוזי שפּרינגט מיט מיר. איך ארויף, זי ארויף; איך אראָפּ, זי אראָפּ. ווער וועט זיך פריער אײַנמידן? פארשטײט זיך, בוזי, נישט איך.

אהײם זײַנען מיר געקומען שוין שפּעט, דער טא־

טע האָט זיך אויף אונז נישט געקאָנט דערווארטן און
איז אוועק אין שול אָן מיר.

דערציילט, ווי מען האָט זיך בײַ אייך געגרייט צום פּסח?



פּ ס ח.

מַה נִשתַּנָה, פּאָטער זיסער,
כ'האָב די שטוב הײַנט נישט דערקאָנט.
זע, מַלאָכִים ווײַסע שוועבן
אויפן טיש און אויף די ווענט.

און דער טאַטע איז הײַנט אַנדערש:
מילד און ליכטיק איז זײַן בליק,
און די מאַמע, אַך, די מאַמע
סאַמע חֵן און סאַמע גליק.

ווײַן און מַצות, ליכט און לאָמפּן
גלעזער, כּוסות, גרויס און קליין.—
וואָס איז ליב אזוי דער טאַטע
און די מאַמע אזוי שײן?..

53

בײַנאַכט אין פעלד.

די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען, און אין דרויסן איז שוין פינסטער געוואָרן. נישט אלע קינדער אָבער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין פעלד, אונטערן שטאָט, האָבן זיך אומגעקערט אהײם. צוויי קינדערלאַך זײַנען נאָך אין פעלד געבליבן.

זיי האָבן זיך אזוי שײן געשפּילט, אז זײַ האָבן גאָר נישט באַמערקט, ווי עס איז נאַכט געוואָרן. ווילן זיי גײן אהײם, קאָנען זײ אָבער דעם וועג נישט געפינען. עס איז פינסטער.

מיט אמאָל איז אונטער די בײמער געוואָרן העל און ליכטיק, און די קינדער האָבן דערזען א גרויס קײַלעכדיק ליכט. דאָס איז די לבָנָה אויפגעגאַנגען.

ווי נאָר די לבָנָה האָט באמערקט די קינדער, האָט זי זיך אָנגערופן:

— א גוטן אָוונט אײַך, קינדערלאך. וואָס טוט איר דאָ אזוי שפּעט אין פעלד?

האָבן זיך די קינדער עטוואָס איבערגעשראָקן, אָבער אז זיי האָבן דערזען, ווי די לבָנָה שמייכלט צו זיי ליב און פרײַנטלאך, זײַנען זיי מונטערער געוואָרן און אויסגעשריען:

— אוי ווײ, מיר קאָנען נישט געפינען דעם וועג צו אונזער מאמע, מיר ווילן אהיים!

האָט זיך די לבָנָה נאָך הארציקער צושמייכלט און זיך אָנגערופן:

— צי וועט איר דערקאָנען דאָס הויז, וואו אײַער מא-

מע וואוינט? האָט נאָר קײַן מורא נישט, קומט מיט מיר, איך וועל אײַך א ביסעלע צו־לײַכטן, און איר וועט שוין טרעפן דעם וועג.

און די לבֿנה האָט אזוי העל געשײַנט און אזוי ליב געשמייכלט, און ווײַסע שטראַלן האָבן אויפגעדעקט דעם וועג. האָבן די קינדער זיך אָנגענומען בײַ די הענט און זײַנען געלאָפן אזוי גיך, ווי נאָר זיי האָבן געקאָנט.

זיי זײַנען טאקי באלד געקומען אהיים. אָבער פארן ארײַנגיין אין שטוב האָבן זיי באדאנקט די לבֿנה, וואָס זי האָט זיי געבראכט אהיים צו דער ליבער גוטער מא־מען.

פראגן: וואָס איז געשען מיט די קינדערלאך
ווער האָט זיי געוויזן דעם וועג?

54

א קליין מיידעלע.

א קליין מיידעלע קלאפט אין טיר:
טוק! טוק! טוק!

ליבע מאמע, עפן מיר!
טוק! טוק! טוק!

איך בין שוין אהיים געקומען—
טרא—לא—לא!
דעם גאנצן טאָג געקליבן בלומען—
טרא—לא—לא!



55
מאָרגן־ליד.

די זון איז אין מִזרח אויפגעגאנגען—
טרא—לא—לא! טרא—לא—לא!

די פייגעלאך באגעגענען זי מיט געזאנגען—
טרא—לא—לא! טרא—לא—לא!

מיט גרויס ליבשאפט לאָזט זי פאלן

אירע גינגאָלדענע שטראַלן—
טראַ–לאַ–לאַ! טראַ–לאַ–לאַ!

פראגן: וויפיל זײַטן האָט די וועלט?
און וואָסער זײַט גייט-אויף די זון?
ווי הייסן אלע פיר זײַטן?

56

דאָס גוטע פּאסטוכל.

אמאָל איז געווען א פּאסטוכל, האָט ער זייער ליב געהאט די שאָף און די לעמעלאך. וואָס ער האָט געפּיטערט. פלעגט ער פאר זיי אויסזוכן די בעסטע פּאשע און פלעגט זיי אָנטרינקען מיטן קלאָרסטן און ריינסטן וואסערל, און אז די יונגע לעמעלאך פלעגן זיך אין א וואַרעמען טאָג צוטאנצן אויף דער לאָנקע, פלעגט ער פאר זיי שפּילן אויף זײַן פײַפל.

די שאָף און די לעמעלאך האָבן אים אויך זייער ליב געהאט. אין א געוויטער, אין א גרויסן שטורמווינט, פלעגן זיי זיך צונויפזאמלען ארום אים און שטומערהייט בעטן, ער זאָל זיי באשיצן און באשירמען. פלעגט א לעמעלע אָפּגעשוואכט ווערן און האָט נישט געקאָנט

גנבֿהאַלטן דער סטאַדע. פֿלעגט עס דאָס פּאַסטוכל נע־
מען אויף די אַקסלען און אַוועקגעטראָגן אין פֿעלד.

איינמאָל איז דאָס פּאַסטוכל קראַנק געוואָרן און
נישט געקאָנט פֿירן די שאָף אין לעמעלאַך אין פֿעלד.

האָבן זיי זיך פֿאַרזאַמלט אַרום זײַן הײַזל און וויינענדיק
געמעקעט:

—מע! מע! מע! שטיי־אויף, פּאַסטוכל ליבער, שטיי־
אויף און קום מיט אונז אין פֿעלד אַרײַן. מע! מע! מע!

ווייער ליבע האָט געקרעפּטיקט דעם פּאַסטוכל און
אין צוויי טעג אַרום איז ער שוין געזונט געוואָרן. אונ־
טער די הייסע שטראַלן פֿון דער פֿרילינגס־זון האָבן די

לעמעלאך געטאנצט און ער האָט זיי געשפּילט אויף זײַן פײַפל.

פראגן: ווען האָבן די קינדער געזען א לאָנקע מיט שעפּכן!
צוליב וואָס האָדעוועט מען שעפּכן?
וואָס ווערט געמאכט פון זייער וואָל!

57

אמאָל איז געווען א פּאַסטוכל.

אמאָל איז געווען א פּאסטוך פון שאָף,
איז אויף אים אָנגעפאלן א שלאָף,
האָט ער זיך אויפגעכאפּט פון שלאָף,
ערשט — נישטאָ די שאָף.

גייט ער זיך ארוים אויפן שליאך,
זעט ער—מען פירט א וואָגן מיט דערנערלאך
האָט ער געמיינט: דאָס איז פון זײַנע שאָף
די [illegible]אך.

גייט ער זיך ארוים אויפן שליאך.

זעט ער—מען פירט אַ וואָגן מיט עפּעלאך,
האָט ער געמיינט: פון זײַנע שאָף די קעפּעלאך.

גייט ער זיך ארוים אויפן שליאך,
זעט ער—מען פירט אַ וואָגן מיט שטיינדעלאך,
מיינט ער: פון זײַנע שאָף די ביינדעלאך.

גייט ער אָבער ארוים הינטערן בארג,
זעט ער—די שעפּעלאך טאַנצן און שפּרינגען,
האָט גענומען דאָס פּאַסטוכל לאַכן און זינגען.

ווער פון די קינדער קאָן דערציילן, ווי אזוי ער האָט זיך געפרייט, בשעת ער האָט געפונען א זאך, וואָס איז אים אמאָל פארלאָרן געגאַנגען?

57

דער מאַי־זשוק.

—שאַט געפּאַקט!—האָט חײַמל אויסגעשריען, פּאַקנ־דיק א מאַי־זשוק.
—ליב יינגעלע,—האָט דער זשוק געבעטן,—לאָז מיך

אָפּ, װעל איך דיר דערציילן פון מײַן קינדהײַט. שרעק זיך נישט. איך װעל דאָך סײַ-װי-סײַ נישט קאָנען אנט-לױפן: זעסט דאָך, מײַנע פליגעלאך זײַנען צעקנייטשט. הער בעסער אױס א שײנע מַעֲשֶׂה פון מײַן קינד-הײַט.

חַיִמל האָט ליב געהאט צו הערן שײנע מַעֲשִׂיות, האָט ער עטװאָס פרײַ געלאָזט דעם זשוק, און יענער האָט אָנגעהױבן דערציילן:

—איך גע-דיינק זיך נאָך פון דער רֶגַע, װען איך האָב מיך אױסגע-שײלט פון איי-עלע. איך בין דעמאָלט גע-װען א לאנג װערימל און געלעגן אין דער ערד. ארום איז געװען פינסטער, קאלט, און עסן האָט זיך גע-װאָלט... האָב איך מיך אָנגעהױבן צו באװעגן, קריכן און בין דערקראָכן צו א װאָרצל פון א בױם: האָב איך אָפּגעביסן א ברעקעלע – געשמאַק. דעמאָלט האָב

איך אָנגעהויבן קריכן פֿון בוים צו בוים, פֿון גראָז צו גראָז און גענעסן די וואָרצלען... דרײַ יאָר האָב איך אַזוי־אַרום פֿאַרבראַכט אונטער דער ערד. אויפֿן פֿערטן יאָר האָב איך דערפֿילט, אַז מײַן הויט איז האַרט געוואָרן. האָב איך פֿאַרלאָרן דעם אַפּעטיט און געוואָרן שלעפֿעריק. נאָכדעם האָב איך מיך אויפֿגעהויבן העכער צו דער אויבערפֿלאַך פֿון דער ערד, זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּאָפּקע און בין אײַנגעשלאָפֿן. אָפּגעשלאָפֿן בין איך אֶפּשר אַ האַלב יאָר. אויף דער ערד, האָט מען מיר נאָכדעם דערציילט, איז געלעגן שניי און אַ פֿראָסט האָט געברענט, אָבער איך האָב נישט געפֿילט. נאָר איין־מאָל האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט אַ פֿרישער, אַ שטאַר־קער. קוק איך מיך אַרום — ערשט איך בין גאָר אַן אַנדערער. איך האָב שוין אַ קאָפּ, אַ ברוסט, אַ שנעבע־לע, ועקס פֿיסעלאַך, צוויי פּאָר פֿליגעלאַך, אויפֿן קאָפּ אַ פּאָר הערנער מיט בערשטעלאַך צום רייניגן די אויגן. אַזוי אַרום בין איך געוואָרן אַ מאַי־זשוק מיט אַלע פּי־טשעווקעס.

און בײַ די ווערטער האָט זיך דער זשוק אַ ריס גע־טאָן און אוועקגעפֿלויגן אין דער פֿרײַער לופֿט.

אָבער חַיִמל האָט זיך אַזוי שטאַרק אַרײַנגעטאָן אין דערדאָזיקער מַעשׂה, אַז ער האָט נישט באַמערקט דעם ושוקס וַיִברַח.

פראגן: וואָס איז אַ פּאָפּקע?
וואָס האָט דער זשוק דערציילט?

58

א פרילינג רעגנדל.

טריפּט אַ רעגנדל.
טריפּט אַ רעגנדל.
קאַפּ-קאַפּ!
אין די שײַבעלאַך.
אויף די דעכעלאַך—
קלאַפּ-קלאַפּ!

און די פייגעלאַך
מיט די הינדעלאַך—
ציפּ-ציפּ!
צו די סטרעכעלאַך,

צו די ביימעלאך—
היפּ־היפּ!

נאָר די קינדערלאך
אויפן רעגנדל —
האָפּ־האָפּ!
אינם וואַסערל
אינם לויטערן —
שליאָפּ־שליאָפּ!

פראגן: צי איז פרילינג נויטיק רעגן?
פארוואס באגיסט מען בלומען?

59

אויפן הויף.

עס איז געווען א שיינער פארנאכט. איך האָב גע־
האט אויסגעלאָפן און אויסגעשפרונגען א וועלט און בין,
אַ מידער, אהיים געקומען. איך בין זייער הונגעריק גע־
ווען, האָט מיר די מאמע דערלאַנגט א שטיקל ברויט

מיט פּוטער. האָב איך זיך אוועקגעזעצט אויפן שוועל און גענומען עסן.

אויפן הויף האָבן זיך ארומגעדרייט הינדעלאך און ענטלאך, און געזוכט אין דער ערד.

כאלד ווי איך האָב גענומען עסן דעם ערשטן



ביסן, לאָזט זיך צו צו מיר די גאנצע חֶבֿרֶה הינער און ענטלאך, רינגלען מיך ארום און קוקן אויף מיר מיט זייערע קליינטשקע אייגעלאך און שרייען און רייסן זיך, וויל איך זיי געבן א שטיקעלע ברויט.

הויבט זיך פּלוצלונג אויף איינס פון די הינדלאך, דוקא א קליינס, א פּיצל, גיט א שפּרונג צו מיר און כאפּט ארויס פון האנט דאָס גאנצע שטיקל ברויט מיט פּוטער.

אָבער האַלטן דאָס קאָן עס דאָך נישט. פאַלט עס אַרויס פון מויל. וואַרפן זיך אַרויף אַלע הינדלאַך און ענטלאַך אויף דעם שטיקעלע ברויט און צופּיקן עס.

און כּהרף־עַין איז עס פאַרשוואונדן געוואָרן פון מײַנע אויגן, ווי עס וואָלט גאָר קײנמאָל אויף דער וועלט נישט געווען.

איך בין אוועק צו דער מאַמען און גענומען אַן אַנדער שטיקל ברויט.

זאָל עמיץ פון די קינדער דערציילן אַ מַעֲשֶׂה פון הינדעלאַך.

60

זייפנבלאָזן.

קינדער בלאָזן
זייפנבלאָזן —
אַי, איז דאָס אַ לעבן!
ווי זיי פינקלען,

ווי זיי שמינקלען,
ווען זיי פליען, שוועבן.

אויף זיי פאלן
גלײַך די שטראלן —
זעט נאָר, זעט קאָלירן!
ווי זיי גיסן,
ווי זיי פליסן
און די בלעזלאך צירן!

פראגן: פאַרוואָס ווײַזן זיך אַלערליי קאָלירן אויף א זייפנבלאָז?
ווי מאַכט מען א זייפנבלאָז?

61

דער נאכטיגאל.

א נאכטיגאל פלעגט יעדן פרילינג זינגען אין סאָד.
אָנהויבן פלעגט ער, פונקט ווי ער וואָלט זיך פאַר
עפּיס געשראָקן, אָדער ווי ער וואָלט געוואָלט ווײַן קול
אויספּרובן: ער פלעגט טאָן א פײַף, א קנאק — און

אנטשווינגן ווערן, נאָר פון טאָג צו טאָג האָט ער גענו=
מען זינגען אַלץ מער און אַלץ העכער.

איז א ייִנגל זײַן זינגען זייער געפעלן געוואָרן, האָט זיך אים פארוואָלט, אז דער נאכטיגאל זאָל זינגען בײַ אים אין צימער; אין א טאָג ארום האָט ער געפאקט אזא פייגעלע און ארײַנגעזעצט אין א שטײַגל און באלד דערויף גענומען ווארטן, ווען וועט שוין דער נאכטיגאל אָנהויבן צו זינגען. אָבער עס איז פארגאנגען א טאָג נאָך א טאָג, און דער נאכטיגאל האָט נישט געזונגען

„דאָס מוז אַוודאַי זײַן אן אנדער נאכטיגאל, — האָט זיך געקלערט דאָס ייִנגל, — יענער האָט גוט געזונגען, און דער שווײַגט; מען דארף אים גאָר ארויסלאָזן."

און דער ייִנגל האָט דעם נאכטיגאל ארויסגעלאָזט. איז דער נאכטיגאל ארויפגעפלויגן הויך=הויך אויפן בוים, אויסגעגלײַכט דאָרט זײַנע פליגעלאך, מיט שנע=

בעלע אויסגעפּוצט ווײנע פערדערלאך און זיך צעלאָזט אויף
זײַן העלזועלע מיט זײַנע זיסע זמירות.

פּראגן: ווען זינגט דער נאַכטיגאַל?
צי האָט עמיץ פון די קינדער געזען אזא פייגל?

62

ל"ג בעומר.

ל"ג בעומר הײַנט! ל"ג בעומר הײַנט!
העי, ײנגעלאך, אלאָ!
פליט, פערדעלאך, ווי אָדלערלאך,
און, שמײַסער, שרײַ נישט וויאָ!

פול קינדערלאַך אין וועגעלע,
ווי דער מאָן אין זאק!
שמײַסער, האלט די לייצן פעסט,
מיטן בײַטש נישט קנאַק!

זאָל עמיץ פון די קינדער אָנצייכענען אויפן טאָוול
א בילד, ווי קינדער פאָרן אין וואלד אריין.

63

אויף דער לאָנקע.

אויף דער לאָנקע ליגט אַ ווײַס סערוועטל, אויפֿן סערוועטל ליגן נים און אייער און פרישע קנאַקעדיקע בויגעלאך. דערבײַ זיצן לאַכעדיקע ייִנגלאך—תּלמידים פון אונזער שול. זיי האַלטן אין די הענטלאך פֿײַל־און־בויגנס, געמאַכט פון האָלץ און שטריקלאך און צילן זיך אויף קאַטאָוועס אין די הויכפֿליענדיקע פֿייגעלאך.

דער הימל איז בלוי, די לאָנקע איז גרין און זיל־בערנע וועלכעלאך פונם דערבײַאיקן טײַכל קושן איינ־אנדער פון גרויס תּענוג. נישט ווײַט שטייט דער וואַלד און קוקט אונז פרײַנטלאך אָן מיט זײַנע אָראָבגעלאָזטע טרוקענע סאָסנע צווײַגן. פּאַמעלאך ווערט טונקעלער און טונקעלער.

פּלוצלונג מאַכט יאָסעלע, דער עלטסטער ייִנגל צווישן אונז, וואָס שרעקט זיך קיינמאָל נישט פאַר בייזע הינט און שקצים:

– קינדער, לאָמיר עסן!

עסן מיר אייער און בויגל און נאָכדעם שפּילן מיר אין נים. קיין געשלעגן פירן מיר נישט, קיין מלחמה

האַלטן מיר נישט, און אַז מיר גייען אַהיים זינגען מיר אַ פרייליך לַ״ג=בָעוֹמֶר=לידל, וואָס דער אייגענער יינגל האָט אונז אויסגעלערנט.

פראגן: וואָס איז לַ״ג-בָעוֹמֶר פאר א יוֹם-טוֹב?
פארוואָס גייען די קינדער אין פעלד?

64

שײַקעלע=פײַקעלע.

שײַקעלע=פײַקעלע
שָמט אין דער גאס:
א יינגל — א מַזִיק!
א פײַער — א שפּאס!
אלץ קאָן ער, אלץ ווייס ער,
ס׳איז גאָרנישט אים שווער:
דערלאנגט אים נאָר ברעטלאך
מיט טשוועקעס אהער.
באלד מאכט ער א שיפל
און לאָזט זיך העט=העט

דורך טײַכן, דורך יַמן,
דורך לענדער און שטעט.
און זאָל ער נאָר פעדערן
האָבן א סַך,—
באלד מאכט ער זיך פליגלע
און פליט ביזן דאך.
שײַקעלע־פײַקעלע!
ער מאכט נאָך דאָס ושומען
פון בין און פון פליג,
ער קרײט, װי א הטנדל
און שפרינגט, װי א ציג.
ער בילט, װי א הינטל,
און װײנט, װי א קינד,
ער ברומט און ער װאָיעט
אזוי װי דער װינט.
ער מעקעט און בעקעט
און קלאפּט אין א טאַז,
מיאַאוקעט און יאָמערט
אזוי װי א קאַץ.
ער מאכט־נאָך, װי פײגעלעך
עסן — פּיק־פּיק!

ער רײַט אויף א בעזם
און גײט אויף א שטריק,
ער גלאָצט, ווי א גזלן
די אויגן — א שרעק!
דאן ווײַזט ער דאָס צינגל
און שפרינגט זיך אוועק...

פראגן: צי ווייס עמיץ פון די קינדער צו דערציילן פון אַזאַ יינגעלע, שייקעלע-פייקעלע?

65

דער פוקס און די קאַץ.

אמאָל האָט פּאסירט א מעשה: די קאַץ איז געגאנגען אין וואלד און באגעגנט א פוקס. האָט זיך אָנגערופן די קאַץ:

— א גוטמאָרגן דיר, ליבער פיקסעלע? וואָס מאכסטו?

האָט דער פוקס זי אָנגעקוקט מיט א פּאָר שטרײַנגע גאווהדיקע בליקן און א זאָג געטאָן:

–דו נאַרישע קאַץ, דו מײַז־יעגערין! װי קומסטו מיך צו פֿרעגן, װאָס איך מאַך? װאָס קאָנסטו, דו נאַרישער קאָפּ!

–איך קאָן אײנאײנציקן קונץ,–האָט די קאַץ געענטפֿערט באַשײדן

–װאָס פֿאַר א קונץ?–האָט דער פֿוקס מיט עקל געפֿרעגט.

און די קאַץ האָט געזאָגט:

–װען מיך יאָגט א הונט, קאָן איך אַרױפֿקריכן אױף א בױם און זיך ראַטעװען.

–אָט דאָס קאָנסטו?–האָט זיך דער פֿוקס צולאַכט,–אַז אָך און װײ צו דיר! פֿון רַחמָנות־װעגן װעל איך דיר אױסלערנען, װי אַזױ זיך אױסצובאַהאַלטן פֿון הינט.

אָבער אין דער אײנענער רֶגע איז אָנגעקומען א יעגער מיט פיר הינט; דערזען דידאָזיקע שײנע חֶברָה, איז די קאַץ תֵּיכֶף=וּמִיַד ארויפגעשפּרונגען אויף א בוים און זיך באהאלטן צווישן די צווײַגן. פון דאָרטן האָט זיך דערהערט א קול פון א קאַץ, וואָס האָט געקלונגען מיט חוֹזֶק:

– אנו, פּיקסעלע, ווי באהאלט מען זיך טאקי פון א הונט? דו האָסט דאָך א קלוגע סגוּלָה דערצו! דו ביזט דאָך װײער גרויס בײַ זיך, מײַן תַּכשִׁיט!..

אָבער דער פוקס איז שוין באלד געלעגן בײַ די הינט אין די שארפע צײן.

פראגן: װער איז דאָ קליגער—דער פוקס, צי די קאַץ? װי אַזוי ראַטעװעט זיך די קאַץ פון אַ הונט?

66

מײַן קעצעלע.

איך האָב געהאט א קעצעלע.

א קעצעלע א װײַס,

מיט אויערלאך צוויי שפּיציקע
צו שפּירן נאָך די מײַז.

מיט אייגעלאך צוויי געלינקע,
ווי אָמָתער בורשטין,
וואָס פלעגן אָפּט זיך אָנצינדרן
און פינקלען גאָלדיק=גרין.

איר קליינע ווײַסע פעלכעלע
געהאט האָט צאַרטע האָר,
וואָס זי פלעגט תָּמיד רייניקן
און האלטן תָּמיד קלאָר.

פראגן: פאַרוואָס האָט דאָס קעצעלע געהאט שטענדיק א ווײַס פעלכעלע?
ווען האָבן די קינדער ריין און ווײַס פּנימל?

67

דאָס הינדעלע.

באלד ווי דאָס הינדעלע גייט=אַרויס פון דעם איי, מאכט עס: פּי, פּי, פּי, פּי, פּי... זעהט, ווי קליין איך

בין, געל און פּוכיג, מיט דינינקע פיסעלאך און עס הירזש.

אז עס ווערט גרעסער, מאכט עס: לי, לי, לי, לי, לי... איך האָב שוין פעדערן אין עק און פּענעס אין די פליגלען. אָט וועט באלד די מאמע אנטוויינען, א פּיק

טאָן אין קעפּל, וועט מען אליין זיך שארן אין מיסט, זוכן א ברעקל אונטערן טיש און זיצן בײַנאכט אין הי־נערשטײַג.

וואקסט עס אויס, מאכט עס שוין: טי, טי... טי, טי, טי... מײַנע פעדערן זײַנען ווייך און סאמעט־גלאט...

די פּים געל און מיט שופּן און דאָס קעמעלע איז שוין היבש,

ווערט דאָס הינדעלע עלטער, ווערט עס אַליין אַ מאמע. גייט עס מיט קלײנע הינדעלאך איבערן הויף און זוכט אין דער ערד קערנערלאך פאר די קינדער.

און טאָמער וויל איר עמיצער טאָן שלעכטס, אָדער זי דערשפּירט אין דערהויך פּליען אַ שׂוֹנא — דערהערט זיך אַ ווילדער געשריי: קררר... קררר... קררר... צע־לויפען זיך די קינדער און באהאלטן זיך און זי בלײַבט שטיין מיט ברייט־צעלאָזענע פליגלען און מיט אויגן, אָנגעגאָסען מיט בלוט, גרייט זיך צו שלאָגן אויף לעבן און טויט, ביז די געפאר גייט־אריבער.

פראגן: וואָס עסן הינער?
וואו האַלט מען זיי ווינטער?
וואָס פאר אַ הויז-עופות האָבן די קינדער געזען?



68

מיין הענדעלע.

כ'דאָב געהאט א ווייסן הענדעלע
מיט א רויטן קרוינדעלע:
אויפן האלז בײַם הענדעלע—
שווארצע פּינטעלאך—א חנדעלע.

און געוואקסן איז דאָס הענדעלע,
גרויס געוואָרן דאָרט אין קעמערל.
אויף איין פיסעלע געשטעלט זיך
און געזונגען אָפּט א זמר־ל.

איצט גענעבטיקט האָט מיין הענדעלע,
ווי א גרויסער אין א שטעלכעלע;
מיט א מחנה הינער גייט ער
טרינקען וואסער פונם קוועלכעלע.

זאָל עמיץ פון די קינדער אויסמאָלן אויפן טאָוול
אַ האָן מיט הינער.

דער ־ים איז ווייער א גרויסער, דריי מאָל אזוי די גרויס, ווי די ־יבשה. האָט ער אָנגעהויבן שטאָלצירן אנט־קעגן דער ־יבשה און רופט זיך אָן צו איר:



—אז איך זאָל וועלן, מאך איך א תל פון דיר.
ענטפערט זי אים:
—וועסט נישט קאָנען, קיין כוחות נישטאָ.
האָט דער ־ים אָנגעהויבן ־לאכן, זיינע אינדן ברו־מען:
—אפשר מיינסטו, אז דו ביזט שטארקער?
זאָגט די ־יבשה:

—זאָלסט װיסן, ים, אז איך בין שטארק, אָבער נישט מיט מײַנע בערג און נישט מיט מײַנע פעלזן. —קלײנע זעלנערלאך האָב איך, ברעקעלאך־זעמדעלאך, פּרוב זיך מיט זײ.

איז דער ים אַרײַנגעפאלן אין גרימצאָרן, זײַנע אינדן־שטורמען:

—אָט די קארליקלאך מײנסטו, װאָס אײן טראָפּן פון מײַן װאסער שלינגט אײַן זײערע א גאנצן צענדליק פאר א מאָל?!

האָט די יַבָּשָׁה געהײסן אירע זעמדעלאך, זײַנען די זעמדעלאך ארױס און זיך אױסגעשטעלט אױפן ברעג—אײנס נעבן צװײטן, אײנס אױף דעם צװײטן: א גרױס חַיִל איז אױסגעװאקסן אױפן ברעג.

האָבן זיך די אינדן געװאָרפן אױף דעם חַיִל פון די זעמדעלאך—און האָבן געמוזט אָפּטרעטן. האָבן זײ זיך װי־דער געװאָרפן אױף דעם חַיִל פון די זעמדעלאך און װי־דער געמוזט אָפּטרעטן.

ביז די אינדן זײַנען מיד געװאָרן און האָבן געמוזט מודה־זײַן, אז זײ קאָנען נישט בײַקומען די זעמדעלאך, װאָס זײַנען פיל אין צאָל און שטארק אין אַחדות.

האָבן זיך די זעמדעלאך געפרײט מיט זײער נִצָחוֹן

און א גאָלדענעם יום־טוב געפײַערט אנטקעגן די שטראַלן
פון דער זון.

פראגן: וואָס איז דאָ מער—יַבָּשָׁה, צי יַם?
פארוואָס האָט דער ים נישט געקאָנט מנַצֵחַ־זײַן די יַבָּשָׁה?

70

דער בייזער ים.

אָנגעברוגזט האָט דער ים זיך
און געקנייטשט זיך און געקרימט—
פלוצלונג האָט ער זיך צעבייזערט
און ער וויגט זיך און ער ברומט.

און אָט לויפן שוין אנטקעגן,
ווילד. און בייז, מיט ווײַסן שוים—
כוואליעס־לייבן, כוואליעס־שלאנגען,
אויסגעוואקסן פונם תהום!

אָט האָט זיך א מאָל געעפנט,
אָט שטייט־אויף א הויכער בארג—

פלאַטער, זעגל! בויג זיך, מאַסטבוים!

ער, דער ים, איז גרויס און שטאַרק.

פראַגן: וואָס איז זעגל?

וואָס איז מאַסטבוים?

וואָס איז דער אונטערשייד צווישן טײַך און ים?

71

די קינדער און די פראָשן.

קונדסים קינדער האָבן זיך געשפּילט בײַם גרינעם ברעג פונם זומפּיקן טײַכעלע. אינם טײַכעלע האָבן זיך געשפּילט און געקוואַקעט פריילאַכע פראָשן. ווי האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּלאַך, אַרומגעיאָגט אײנאַנדער און צוגעזונגען:

—קוואַק-אַ-וואַק! אונז איז פריילאַך! אונז איז גוט!

האָבן די קונדסים גענומען שטיינדלאַך פון ברעג און געוואָרפן אין די פראָשן. די פראָשן האָבן זיך באַהאַלטן איפן דנאָ פון טײַך.

איין פראָש אָבער האָט אײַנגעשטעלט דאָס לעבן אין סכּנות און אַרויסגערוקט דאָס קעפּל פון וואַסער. זי האָט אָנגעקוקט די קונדסים און זיך אָנגערופן פון וואַסער אַרויס:

—קינדער! קינדער! וואַרפֿט נישט קיין שטיינער צו אונז! איר פֿרייט זיך און טאַנצט, אָבער מיר שטאַרבן פֿון אײַערע שטיינער.

האָבן זיך די קינדער פֿאַרשעמט און מער נישט גע־וואָרפֿן קײַן שטיינער אינם זומפּיקן טײַכעלע.

פֿראַגן: אין וואָסער צייט פֿון יאָר הערט זיך דאָס קוואַקען פֿון די פֿראָשן?
ווי לעבט די פֿראָש?

72

דאָס ליד פֿון דער פֿראָש.

גערוועזן אַ פֿראָש אין אַ גרין־סאַמעט־קלייד,
קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק!
מיט אַ שירצל אַ ווײַסן פֿון פֿאָרנט פֿאַרשפּרייט—
קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק!

איר קאַמער געפּלאַסטערט מיט גרינעם אַאיר*)—
קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק!
פֿון שטאָלן די פֿענסטער, פֿון וואַסער די טיר—
קוואַק־אַ־וואַק, קוואַק־אַ־וואַק!

*) אַאיר— טײַך־גראָזן, טשוויצערס.

האָט געפּינטלט די פּראָש מיט די אײנגעלאך שמאָל—
קוואַק-אַ-וואַק, קוואַק-אַ-וואַק!
ווער האָט אזא מאנטל און ווער אזא קול?—
קוואַק-אַ-קוואַק, קוואַק-אַ-וואַק!

פונם ברעג אינם טײַך און פון טײַך אויפן ברעג—
קוואַק-אַ-וואַק, קוואַק-אַ-וואַק!
א זונג און א שפּרונג, אזוי גײען די טעג—
קוואַק-אַ-וואַק, קוואַק-אַ-וואַק!

זאָל עמיץ פון די קינדער אויסמאָלן אויפן טאָוול אַ טײַכל מיט פּראָשן-קעפּלאך.

73

אויף דער זומערוואוינונג.

אין שטאָט איז װײַער הײס. די זון באקט און פון די טראָטוארן שלאָגט א היץ, ווי פון אן אָנגעבּרענטן אויוון.
בערעלען מיט שׂרהלען איז הײס אין גאס, הײס אין שטוב און הײס אַפילו אין גאָרטן. טײלמאָל איז זיך שווער צו שפּילן. זאָגט בערעלע צום טאטן:
—טאטע, ווען פאָרן מיר ארויס אויף דער זומערוואוי-נונג?

שמייכלט דער טאטע, און דורכן פענסטער זעט בע־
רעלע א לאנגע פור אויפן הויף און אויף דער פור פאקט
מען באקאנטע בעטן, שטולן, טישלאך און טעפּ.

אויף מאָרגן איז שוין בערעלע מיט שׂרהלען אויף דער
זומערוואוינונג אונטער א ברייטן בלויען הימל מיט פיינע־



לאך, נעבן א וואלד מיט הויכע סאָסנעס. דאָ, אויף דער
זומערוואוינונג איז אויך הייס, אָבער אין דערדאָזיקער היץ
קאָן מען זיך שפּילן און שפּרינגען און טאנצן. דער קאָפּ
שווינדלט נישט און עס אָטעמט זיך לײַכט און פרײַ.

דעם ערשטן טאָג האָט מען געשפּילט זאלבעדריט:

בערעלע מיט שׂרהלען און דער גרויסער פרײלאכער הונט פון דער זומערוואוינונג.

פראגן: פארוואָס איז שווער די היץ אין שטאָט?
ווער פון די קינדער האָט פארבראכט א זומער אויף א זומערוואוינונג?

74

אויף דער הוידע.

גיבער, שלמהלע און עטל!
שטעלט-אוועק זיך זאלבעגאנד!
האלט זיך פעסטער אויפן ברעטל,
לאָזט די שטריק נישט אָפּ פון האנט!

וויג זיך, צעוויג זיך, מײַן הוידע!
וויג זיך אהין און צוריק...
פאלט נישט אראָפּ פונם ברעטל,
האלט זיך נאָר פעסט פאר די שטריק!

וויג זיך, צעוויג זיך, מײַן הוידע,
וויג זיך אהער און אהין...

ס'װיגט זיך צוזאַמען דער הימל,
ס'װיגן די בײמלאַך זיך גרין...

75

דער צוג.

—א צוג, א צוג גײט!..
—טאַם-טאַם-טאַם! טאַם-טאַם-טאַם!
א לאָקאָמאָטיװ לױפט.

ױצט אין לאָקאָמאָטיװ א גרױסער קעסל, און אין קעסל קאָכט זיך װאַסער. דער דאַמף פון װאַסער שטופּט די שטאַנגען, די שטאַנגען שטופּן די רעדער—און אַזױ לױפט דער לאָקאָמאָטיװ.

—טאַם-טאַם-טאַם! טאַם-טאַם-טאַם! דער לאָקאָמאָ-טיװ פירט א סך װאַגאָנעס.

אין דעם ערשטן װאַגאָן ליגן שטײנקױלן אָדער האָלץ. דער מאַשיניסט װאַרפט אַלעמאָל אַרײַן אין אױװן קױלן אָדער האָלץ, און זעט, אַז דאָס װאַסער אין קעסעל זאָל זיך גוט קאָכן. און אין די װאַגאָנעס זיצן מענטשן: טאַטעס, מאַמעס, ײדעס, באָבעס און קינדער.

אויף נאפט ווינען דאָ באַזונדערע וואַגאָנעס–ציסטער־נעס הייסן זיי. פאַראַן אויך אַפּאָסטוואַגאָן, וואו עס ליגן בריף און צײַטונגען און זשורנאַלן פאַר גרויסע און זשור־נאַלן פאַר קינדער.

–טאַם־טאַם־טאַם! טאַם־טאַם־טאַם!

–פּ י י י ו!–עקבערט דער לאָקאָמאָטיוו די לופט מיט זײַן געדרייטן פײַפן און שטעלט זיך צו מיט סאָפּערײַ בײַם וואָקזאַלהויז. און פון די וואַגאָנעס פאַלן־אַרויס שפּאַרן זיך, אײַלן זיך, צאַפּלן זיך מענטששעלאַך, מענ־טשעלאַך, מענטשעלאַך.

פ ר א ג ן: וואָס שטופּט די שטאַבעס און וואָס שטופּט די רעדער? וואָס טוט דער מאַשיניסט? ווי הייסן די נאַפטוואַגאָנעס?

76

ד ע ר צ ו ג.

דער צוג לויפט דורך וועלדער–
אַרײַן און אַרויס,
עס קלאַפּן די רעדער
א ניגונדל אויס.

נאָר אָט איז א סטאנציע—
גלינגלאָן און גלינגלאָן!
עס ציען זיך ווײַטער
וואַגאָן נאָך וואַגאָן.

מיר פאָרן און פאָרן—
דער וועג איז נאָך לאנג.
ער לויפט און ער דרייט זיך
אזוי ווי א שלאנג.

זאָל עמיץ פון די קינדער אויסמאָלן אויפן טאָוול א צוג.

77

עֶרֶב שָׁבוּעות.

—גיבער, בוזי, גיבער!—זאָג איך צו בוזין א טאָג פאר שָׁבוּעות, און נעם זי פארן האנט און מיר לאָזן זיך האס־טיק בארג־ארויף.—דער טאָג שטייט נישט, נארעלע, מיר דארפן דורכגיין אזא בארג, און נאָכן בארג האָבן מיר א טײַכל. איבערן טײַכל גייט א קלאדקע פון ברעטער, הייסט עס: „בריקל.‟ דאָס טײַכל לויפט, די פראָשן קוואָ־קען, די ברעטער שאָקלען זיך, הוידען זיך, און ערשט דאָרט, אויף יענער זײַט בריקל—דאָרט איז דער אֶמֶתער גַן־עֵדֶן, בוזי!

און מיר גייען.

דער טאָג איז אזוי ווארים, די זון אזוי שיין, דער הימל אזוי לויטער, דאָס פעלד אזוי גרין, דאָס גראָז אזוי פריש און אויפן הארצן אזוי גוט, און איך און בוזי לויפן־ארום פרײלאכע און גליקלאכע, און רײַסן צווײַגל נאָך צווײַגל, בלימל נאָך בלימל, צו באַפּוצן אונזער הײַזל אויף דעם ליבן יום־טוב שָׁבוּעות...

—בוזי, זע, וויפיל בלומען איך האָב?—שרײַ איך פון א קוסטל צו בוזין.

און פון א צווייטן קוסטל קלינגט מיר בוזיס קול:

—איך האָב מער...

און מיר בײדע צולאַכען זיך הויך אונטער דעם בלויען ערב-שבועותדיקן הימל.

פראגן: וואָס פאר א יום-טוב איז שבועות?
אין וואָסער חודש פאַלט-אויס דער יום-טוב שבועות?

78

פאר שבועות.

בלוי דער הימל, גרין די פעלדער,
ליב און ווארים איז דאָס וועטער.
קינדער, קומט אין וואלד אין ווײַטן,
לאָמיר גײן נאָך צווײַג און בלעטער.

סאָסנעס שטײען דאָ אין שאָטנס,
סאָסנעס וויקלען זיך אין שטראַלן,
און צופוסנס, בײ די וואָרצלען,
ווינגען קאַלטע קלאָרע קוואַלן.

נאָר ווי אַלץ איז דאָ פארגליווערט
און פארזונקען טיף אין שווײַגן!

קינדער, לאָמיר ווי נישט שטערן,
לאָמיר רײַסן שטיל די צווײַגן.

נאָר אהיים גיין — פרײלאך, מונטער,
מיט געזאנג און גלײַך אין רײַען:
זאָל מיט אונז צוזאמען, קינדער,
ערד הימל אויך זיך פרייען!..

79

די סיני־ווערטער.

משה האָט געגעבן ײדן די תּורה אויפן בארג סיני. האָבן פייגלאך אויפגעהערט צו זינגען, בהמות צו מיטשן, דער ים האָט זיך מיטאמאָל אײַנגעשטילט און די גאנצע וועלט איז אנטשוויגן געוואָרן. און פלוצלונג האָבן זיך ווערטער דערהערט:

„האָב ליב דײַן פאָטער און מוטער!“

און דיזאָזיקע ווערטער האָבן זיך געשפרייט פון עק־וועלט ביז עק־וועלט.

און יעדעם וואָרט האָט אָנגעפּילט די וועלט מיט די טײַערסטע ריחות. און פון איין וואָרט ביז דעם צווייטן האָבען פרישע ווינטן געבלאָזן פון די הימל-אוצרות, און ווידעראמאָל געבראכט נײַע פרישע ריחות.

יעדעס וואָרט האָט געהאט זיבן קולות, און יעדער קול האָט גערעדט אויף זיבן לשונות, כּדי אַלע אומות פון עק-וועלט ביז עק-וועלט זאָלן קאָנען הערן די אַנ-דערע ווערטער:

—האָב ליב דײַן חבר, ווי זיך אַליין!..

80

שָׁבוּעות.

שָׁבוּעות, ליבע קינדערלאך,
שָׁבוּעות איז געקומען!
באפּלאַכטן מיט גירלאנדעס,
באקראנצט מיט פרישע בלומען.

ס׳גייט זומער־לעבּ... עס שײַנט און קלינגט
אין וואלד, אין פעלד, אין גאָרטן;
עס פליען, פליען פייגעלאך
און זינגען שִׁירָה דאָרטן.

זאָל דער לערער דערקלערן, פארוואָס פוצן מיר שָׁבועות אויס די שטוב מיט גרינס.

81

שפּילען מיר אין ניס.

קומט דער ליבער יום־טוב,
שפּילן מיר אין ניס!
דרײַ טריט מיט די פיס
מעסט איך אָפּ אויף גיך,
און איך טראַכט בײַ זיך:

„קלײן איז דאָך מײַן פיסעלע,
נאָנט איז דאָס ניסעלע,
טרעף איך נאָר אין דעם,—
טו איך עס א נעם
פלינק, געשװינט און ראש
גלײַך צו זיך אין טאש!“

ז. אָל עמיץ פון די קינדער דערצײלן א מעשה פון שָבועות.

82

זומער.

די חָדשים—תַּמוז, אָב, אֶלול – זײַנען זומער-חָדשים.

הויך הויבט זיך אויף די זון און שטײט לאַנג אויפן הימל. דעריבער זײַנען לאַנג די טעג און קורץ די נעכט.

אַלץ, װאָס דער פרילינג האָט אָנגעהויבן, פאַרענדיקט דער זומער. די בײמער זײַנען אױסגעפוצט מיט גרויסע בלעטער, יאַגדעס װערן צײַטיק אין װאַלד. װי ים-כװאַליעס באַװעגן זיך די הויכע גראָזן אויף די לאָנקעס און די זאַנגען אויף די קאָרנפעלדער. גײט א מענטש אין פעלד, װערט אים אָנגעגאָסן מיט שׂמחה דאָס האַרץ און ער טראַכט: „ס׳אַרא שֶפַע, ס׳אַרא חִיות!“

עפּל, באַרנעס, פלוימען, קאַרשן שמייכלען יונג און גרין צווישן די בלעטער און זײַנען אַזוי ווי מַבטיחַ, אַז

שפּעטער, ווען זיי וועלן צײַטיק ווערן, וועלן זיי זײַן זייער באַטעמט און זיס.

אין אונטערן הימל זינגען טויזנטער פייגעלאַך, שווימען=אום אין דער קלאָרער לופט גאָלדענע שמעטערלינגען און די וועלכעלאַך אין טײַכעלע זײַנען באַלייגט מיט

נאָלדענע זון-פּינטעלאך, פּונקט װי מיט פּערל...
דאָס איז די בעסטע צײַט פאַרן קינד!

פראַגן: װאָסערע חדשים זײַנען זומער-חדשים?
פאַרװאָס איז דער טאָג לענגער פאַר דער נאַכט?
װאָס פאַר א נוצן האָט דער מענטש פונם זומער?
װאָסער צײַט איז די בעסטע פאַרן קינד?

83

קומט דער ליבער זומער.

קומט דער ליבער זומער, זומער,
שפּילן מיר אין זאמד;
װאו ס'איז אונזער װױנונג,
דאָרט איז אונזער לאנד.

שװארצע קאַרשן רײַסן מיר,
רױטע לאָזן מיר שטײן,
א גוטן חבר נעמען מיר,
א שלעכטן לאָזן מיר גײן.

פראגן: װאָס הײסט א גוטער חבר?
װער פון די קינדער האָט א גוטן חבר?

84

אין א שטילן זומערטאג.

דער הימל איז בלוי, ריין, אן א וואלקנדל. די זון באקט און ברענט. קיין שום ווינטעלע, קיין שום לופטעלע. די תבואות אויף די פעלדער, די ביימער אין די וועלדער שטייען שטיל, ווי צוגעשמידט. די קי אויף דער פאשע ליגן מיד, אויסגעשטרעקט די העלזער, און מעלה־גרהן. אנדערע גראבן אונטער זיך די ערד מיט זייערע הערנער, שארן מיט די קלאען אדער סאפען פון גרויס היץ. נעבען אן אלטער ווערבע שטייען פערד און שמייסן מיט די ווידלאך, צו פארטרייבן א ביסל די בייזע פליגן.

אויפן גאנצן וועג איז שא־שטיל! מען זאל דאם הערן ערגעץ א שארך, א פיפס, מען זאל דאס זען אדורכפליען ערגעץ א פייגל! נאר קאמארן, מיקן טראגן זיך, ווי די רוחות, אין דער לופט ארום, פליען־פארביי די אויערן און טוען א גרילץ, א זשוושע, רוימען־איין עפּיס א סוד און באלד—מארש ווייטער. און דארט—אינם היי און תבואות זינגען גרילן; זינגען, זינגען, זינגען...

עס איז היים, עס איז שטיל און וואונדערלאך שיין!

—שא! אלע באשעפענישן רוען...

זאל עמיץ אויסמאלן אויפן טאוול א לאנקע מיט א טייכל.

85

אין א שטילער זומערנאכט.

פון א ווינטעלע קײַן ווייען,
פון א בערגעלע קײַן ווינקען,

פון א טײַכעלע קײַן מורמל,
פון א ביימעלע קײַן שאָקל,
פון אַ בלעטעלע קײַן שעפּטשע,

פון א צווײַגעלע קײַן וויג:
פון א לעמעלע קײַן מעקען,
פון א פײגעלע קײַן פּיפּטשען,

פון א פליגעלע קײַן זשומען,
פון א ווערעמל קײַן ריר!

פראגן: פאַרוואָס איז שטיל אין פעלד?
צי איז עמיץ פון די קינדער געווען אין א שטילער זומערנאכט אין פעלד?

86

דער גוטער מײַנטש.

זיבן מיידעלאך האָבן געפּיטערט זייער פּאַטערס

שאָף נעבן מִדבָּר. איינמאָל, פארנאכט, זײַנען זיי אָנגעקו־מען צו א ברונים אָנצוטרינקען װײערע דורשטיקע שאָף. האָבן זיי אָנגעשעפּט װאסער פון ברונים און אָנגעפּילט די קאָריטעס.

זײַנען געקומען שלעכטע פּאסטוכער, האָבן פּאר־טריבן די זיבן שװעסטערלאך און אָנגעטרונקען װײערע איינענע שאָף און רינדער.

נישט װײַט איך א שטיין איז געזעסן א מענטש. האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט און פארטריבן די פּאסטוכער. נאָכדעם האָט ער אָנגעשעפּט װאסער פון ברונים און אָנגעטרונקען די דורשטיקע שעפּסלאך פון די שטילע גוטע שװעסטערלאך.

דערדאָזיקער גוטער מענטש איז געװען משֶׁה רַבֵּנו.

פראגן: װער איז געװען משֶׁה רַבֵּנו?
װי קומט ער אין מִדבָּר?

87

אין װאלד נאָך יאגדעס.

פאר דעם צײַמל נעם מיך, מאָטקע!
איך װעל זײַן דײַן פערד!

מאך דאָס שטריקל פֿאַר אַ לײצע־
צי מיך אומגעשטערט.

מאַכט זיך גרייט צום לויפֿן, קינדער,
גיכער, נו, גאַלאָפּ!



ווײַטער, ווײַטער גייט עס שנעלער,
פֿלינקער באַרג־אַראָפּ!

קינדער, נעמט זיך פֿאַר די פּאַלעס!
יודקע, גיי פֿאָרויס!
דאָ איז לײַכט צו בלאָנדזשען, קינדער,
אונזער וואַלד איז גרויס!

היט זיך, נישט צוהרעכט די קרינגלאך!
רוהיג, מאכט קײַן גוואלד!
לאָמיר לויפן צו די יאַגדעס,
דאָרט, אין טיפן וואלד!

פראגן: אין וואָסער צײַט ווערן פארטיק די יאגדעס?
אין וואָסערע וועלדער וואקסן זיי?
צי האָט עמיץ פון די קינדער געקליבן יאגדעס
אין וואלד?

88

צוויי חברים.

זײַנען געגאנגען צוויי חברים אין וואלד קלײַבן יאַגדעס, האָבן זיי פּלוצלונג דערזען אַ גרויסן, גרויען בער, מיט אַן אָפן מויל. איז איינער פון די חברים תּיכף נעלם געוואָרן: ער האָט זיך ארויפגעכאפּט אויף אַ בוים און זיך דאָרטן באהאלטן. דער צווייטער אָבער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און געמאכט אַן אָנשטעל, אז ער איז טויט.

גייט צו דער בער צו דעם יינגעלע און הויבט אים אָן ארומצושמעקן. שמעקט ער אים דאָס פּנימל, די הענט,

די פיס, זעט ער, אז דאָס יינגל איז טויט, ווי אלע טויטע.
נעמט דער בער און גייט=אוועק.

אוועקגעגאנגען דער בער, קריכט=אראָפּ דער צווייטער יינגל פון בוים און צולאכט זיך.

—חַבֶר,—מאכט ער נאָכדעם,—וואָס האָט דיר דער בער אײַנגערוימט אויפן אויערל?

עפנט יענער די אויגן און רופט זיך אָן:

—דער בער האָט מיר געזאָגט: „א שלעכטער חֲבֶר איז דער, וואָס לאָזט=איבער זײַן חַבֶר אין א סַכָּנָה און אנטלויפט."

פראגן: וואָס איז אַזוינס אַחדות!
פאַרוואָס מוז שיצן איינער דעם צווייטן!

מארש.

איינס און צוויי
און דרײַ און פיר,
וואָס מיר זײַנען,
זײַנען מיר!

כאָטש מיר זײַנען
יונג און קליין,
ווי די העלדן
דארף מען גײַן!

פינף און זעקס
און זיבן, אכט,
נישט געוויינט
און נישט געלאכט.

מארש, מארש, געגאנגען
מיט פּויקן און געזאנגען!
מיר דארפן נישט פֿרעגן,
מיר ווייסן די וועגן.

נײַן און צען
און עלף און צוועלף.
טרעפסט א פּויער—
זאָג: גאָט העלף!

טרעפסט א פֿייגל—
זאָג אים: פּיִ!
טרעפסט א בלימל,
זאָג אים: בליִ!

מארש, מארש, געגאנגען
מיט פּויקן און געזאנגען!
מיר דארפן נישט פרעגן,
מיר ווייסן די וועגן!

זאָלן די קינדער צופּאסן א ניגון צו דעמדאָזיקן מארש.

90

די בין און דער שעפּס.

א בין האָט געפרעגט בײַ א מענטשן:
–האָסטו ווען געזען נאָך אזא בעל-חסד, ווי איך?
און דער מענטש האָט געענטפערט:

—אָ, געווים, דער שעפּס! זײַן וואָל ברײנגט מיר גרויסע נוצן. דײַן האָניק אָבער איז נישט מער, ווי אָנגענעם, און דער שעפּס איז אויך דער אמתער בעל־חסד! ער שײנקט מיר זײַן וואָל אָן דער מינדסטער שוועריקקײַט. אָבער דו—בשעת דו גיסט מיר דײַן האָניק, מוז איך מיך יעדעס מאָל היטן פאַר דײַן ביס...

פראגן: וואָס פאַר א בעלי־חסד זיינען נאָך פאַראן צווישן חיות? וואָס מאַכט מען פון וואָל?

91

מײַן קיעלע.

אוי, ווי ליב מײַן רויטע קיעלע איז מיר!
איך האָב אָנגעריסן גרעזעלאך פאַר דיר.
עס זיך אָן צו זאַט, אוי, קיעלע דו פײַן!
זאָל דיר וואויל באַקומען, רויטינקע דו מײַן!

אוי, ווי ליב מײַן רויטע קיעלע איז מיר!
כ'האָב א צעבער קלײַען אויך פאַרמישט פאַר דיר.

האָבן זאָל מײַן קיעלע דאָס עסן צו גענוג,
געבן זאָל מײַן רױטינקע מיר מילך א פולן קריג.

פראגן: װאָס עסט א קי?
װאָס פאר א נוצן ברײנגט זי דעם מענטשן?

92

א שטיקל ברויט.

—מאמע, מאמע, גיב מיר א שטיקעלע ברויט!
—גיי, מײַן קינד, צום בעקער, וועט ער דיר געבן א לעבל ברויט.
—בעקער, בעקער, גיב מיר א לעבעלע ברויט!
—גיי, מײַן קינד, צום מילנער, וועט ער דיר געבן מעל, וועל איך דיר אויסבאקן א לעבעלע ברויט.
—מילנער, מילנער, גיב מיר א ביסלע מעל!
—גיי, מײַן קינד, צום פויער, וועט ער דיר געבן קאָרן. דאָס קאָרן וועל איך צומאָלן אויף מעל, וועסטו געבן דאָס מעל דעם בעקער, וועט ער דיר שוין אויסבאקן א לעבעלע ברויט.
—פויער, פויער, גיב מיר א ביסלע קאָרן!

—גײ, מײַן קינד, אין פעלד, געפין דאָרט זאַנגען. איך װעל אױסדרעשן פון די זאַנגען די קערנער, װעסטו אָפּגעבן די קערנער דעם מילנער, דער מילנער װעט זײ צעמאָלן אױף מעל, און דער בעקער װעט פון מעל דיר אַ לעבעלע ברױט אױסבאַקן.

—פעלד, פעלד, גיב מיר אַ ביסלע זאַנגען!

—אָט, מײַן קינד, עס װעט זײַן אַ רעגן, װעל איך מיך אָנטרינקען מיט דעם רעגן, װעלן אױף מיר אױסװאַקסן זאַנגען. די זאַנגען װעסטו אָפּגעבן דעם פױער דער פױער װעט זײ אױסדרעשן, און די קערנער װעסטו אװעקטראָגן דעם מילנער. דער מילנער װעט זײ צעמאָלן אױף מעל, פון מעל װעט דיר דער בעקער אַ לעבעלע ברױט אױסבאַקן און אַזױ װעלן מיר אַלע האָבן ברױט.

פראַגן: װער האָט געזען, װי די מאַמע האָט געבאַקט ברױט? װי האָט זי עס געמאַכט?

3

אין גאָרטן

קום אַהער, מײַן שװעסטער קלײנע,
טו אַ קוק בײַ אונז אין גאָרטן!

זע נאָר, ס׳ארא גרינסן שיינע
וואקסן פריילאַך דאָ און דאָרטן.

ווילסט זיי האָבן, קום און רײַס זיי
זע, זיי וואקסן אזוי שיין,
און זיי ווינקען און זיי רופן
און זיי שמייכלען מָלֵא־חֵן.

שוועסטער, וואָס־זשע קוקסטו אָן עם?
שטיי נישט, קלער נישט אזוי לאנג,
נעם שוין גיכער די מַתָּנוֹת,
זאָג דעם גערטעלע א דאנק.

פראגן: ווען ווערט געזייט אין אַ גאָרטן?
וואָס וואַקסט אין אַ גאָרטן?

94

מען טאָר זיך נישט איבערנעמען.

א פויער האָט פארזייט תבוּאֶה. דאָס פעלד איז באַ־דעקט געוואָרן מיט העל־גרינעם גראָז. דער פויער האָט

ויך נישט געקאָנט אָנקוקן אויף זײַן פעלד, ער האָט געקליבן נחת פון די געדיכטע פרישע גרינע גראָזן. די גראָזן זײַנען בײַ זיך שטאָלץ געוואָרן און האָבן געטראַכט: „דער פויער דאַרף אונז געווים זייער נויטיק האָבן.“

עס איז אוועק א צײַט. פון די יונגע גראָזן זײַנען ארויס־געוואקסן הויכע גרינע שטרוי־עלאך. ווידער האָט דער פוי־ער נחת געקליבן און געזאָגט: „ס׳וועט מיט גאָטס הילף זײַן הײַ־יאָר א גרויס גערעטעניש.“ זײַנען די שטרויעלאך בײַ זיך האָפערדיק געוואָרן, גענומען אלץ העכער און העכער פאַר־רײַסן די קעפּ און האָבן מיט גאווה געטראַכט: „דער פויער דאַרף אונז זייער נויטיק האָבן.“

עס איז אוועק א צײַט. די שטרויעלאך זײַנען געוואָרן נאָך שענער, זיי האָבן געבלישטשעט אויף דער זון, ווי גאָלד. בייז אָבער זײַנען זיי געוואָרן אויף די שווערע זאנ־גען, וואָס האָבן געבויגן די קעפּ צו דער ערד: „זאָל דער פויער שוין אָפּשנײַדן די זאנגען. א סוף זאָל דאָס נעמען ז—

האָבן די שטרויעלאך מיט גאוה געטראכט.

איז געקומען די צײַט, און דער פויער האָט אָפּגע־שניטן די תּבואה און זי אויסגעדראָשן. די קערנער האָט ער צונויפגענומען און באַהאַלטן אין שפּײַכלער, און די שטרוי האָט ער צונויפגעלייגט אין איין קופּע. די קערנער האָט ער פאַרניצט פאַר זיך אויף ברויט און אויף נײַע זריעה, אָבער פון די שטאָלצע שטרוי האָט ער געמאַכט אַן אונטערבעט פאַר זײַנע בהמות.

פראגן: וואָס פאַר אַ בײַשפּיל קאָנען די קינדער אַראָפּנעמען פאַר זיך פון דער מעשה?
ווי באַדאַרף מען זיך פירן?

96

קאָרן־שוועסטערלאַך.

קענט איר, קינדערלאַך,
די קאָרן־שוועסטערלאַך?
זיי זײַנען בלימעלאַך
אין פרײַען פעלד.

פאראן דאָרט בלויאינקע,
פאראן דאָרט רויטינקע,
פאראן דאָרט געלינקע,
ווי אײַך געפעלט!

זיי וואקסן טויזנטער
אין אלע ווינקעלאך,
וואו זאנגען וויגן זיך
און תבואה בליט!

דאָס פעלד באקרוינען זיי,
דאָס ברויט באשיינען זיי,
און בליען לוסטיקע
פון זון געהיט.

זאָלן די קינדער אויסמאָלן אויפן טאָוועל א פעלד מיט בלימעלאך.

96

ווי אזוי איך האָב געכאפט א פישל.

דער טאטע איז איינמאָל געפאָרן אין מיל, האָט ער

מיך מיטגענומען. בין איך אוועקגעגאנגען מיט דעם מיל־נערס קינדער צום טײַכל. רופט זיך אָן צו מיר דעם מיל־נערס זון:

—יאנקעלע, ווילסטו גײן כאפּן פיש?

—יאָ, יאָ!—האָב איך מיך שטארק דערפרייט.

געקומען צום טײַכל, האָבן מיר זיך אויסגעזעצט אויפן ברעג; דעם מילנערס זון האָט ארויפגעזעצט א ווערימל אויפן האטשיק, פארוואָרפן דעם האטשיק אין וואסער אריַן, איבערגעגעבן מיר די ווענטקע און געזאָגט:

—זע־נאָר, ווען אָנהויבן פּיקן א פישעלע, זאָלסטו עס תיכּף ארויסכאפּן פון וואסער.

לאנג בין איך געזעסן בײַם ברעג. קײַן פישעלע איז נישט געקומען. האָב איך מיך א ווײַלע פארטראכט. שרײַט דעם מילנערס זון:

—וואָס שלאָפסטו? עס פּיקט!

האָב איך באלד ארויסגעכאפּט די ווענטקע פון וואַ־סער. אויפן האטשיק האָט זיך אומגעוואָרפן א קלײן, שײן פישעלע. דער האטשיק האָט אײַנגעשטאָכן דעם פיש־דאָס מויל און איז אדורכגעגאנגען דורכן אויג. דאָס פי־שעלע האָט זיך געצאפּלט פון יסורים. מיר האָט אויך גענומען צאפּלען דאָס הארץ. איך וויים נישט, ווי אזוי,

נאָר איך האָב באַפרײַט דאָס פֿישעלע פֿון האַטשיק און אַרײַנגעלאָזט צוריק אין טײַך אַרײַן. דעם מילנערס זון איז דערפֿאַר זייער בייז געווען אויף מיר, אָבער מיר האָט עס נישט געאַרט.

זאָל עמיץ פֿון די קינדער דערציילן אַ מעשׂה מיט אַ פֿישעלע.

97

דער טײַך.

בײַם ברעג טוען ייִנגלאַך זיך אויס
און שפּרינגען אין וואַסער צוגלײַך.
מיט שטראַלן באַגיסט זיי די זון,
מיט פּערל באַשפּריצט זיי דער טײַך.

די אויגן, די אויגן, ווי קויל,
און קערפּערלאַך—דורכזיכטיק־ראָז:
זיי שפּרינגען פֿון וואַסער אַרויס
און טאַנצן הויל־נאַקעט אין גראָז.

און שפּרינגען אין וואַסער צוריק,

אין כוואַליעס, אין שטראַלן, אין שוים,
און פּלעכצן זיך אוים אין דער הויך;
ועט, קינדער, פון קינדער א בוים...

פראגן: וואָס פאר א נוצן ברייננט דער טײַך דעם מענטשן?
וואָסערע טײַכן ווייסן די קינדער?
ווי אזוי פאָרט מען איבערן טײַך?

98

דער הונט באָבי.

אין א שטאָט אין איינגלאנד איז געשטאָרבן אן עלנ־טער מענטש. געהייסן האָט ער גריי. א צוויי־דרײַ מענטשן זײַנען געגאנגען אויף זײַן לוויה. הינטער דידאָזיקע מענטשן איז אויך געגאנגען א הונט מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט שטיל געיאָמערט.

באָבי האָט געהייסן דער הונט, וואָס האָט צוזאמען מיט די מענטשן באוויינט דעם נפֿטר.

אויף מאָרגן האָט דער בית־עולם־וועכטער באמערקט ליגן א הונט בײַם פרישן קבֿר, האָט ער אים פארטריבן מיט א שטעקן: קײַן הינט טאָרן נישט ארויפגעלאָזט ווערן אויף א בית־עולם.

אויפֿן דריטן טאָג איז דער הונט ווידער געלעגן בײַם קֶבֶר און ווידעראַמאָל איז ער אַרויסגעיאָגט געוואָרן מיט אַ שטעקן.

אויפֿן פֿערטן טאָג איז געווען ווײער אַ שלעכט וועטער: אַ קאַלטער רעגן איז געפֿאַלן פֿון הימל און אַ רוי־ער ווינט האָט געבראָכן די בײמער. דאָסמאָל איז באָבי געלעגן בײַם קֶבֶר צונויפֿגעדרייט, ווי אַ בויגל און געצי־טערט פֿון קעלט. האָט זיך דער שׂוֹמֵר מְרַחֵם־געווען אי־בער אים און געגעבן אים עפּיס צו עסן. דעמאָלט האָט באָבי פֿאַרשטאַנען, אַז מער וועט מען אים שוין נישט פֿאַריאָגן פֿון בֵּית־עוֹלָם און ער האָט זיך דאָ באַזעצט אויף שטענדיק.

גאַנצע צען יאָר, טאָג־אײַן, טאָג־אויס, האָט דער טרײַער באָבי פֿאַרבראַכט בײַם קֶבֶר פֿון זײַן בַּעַל־הַבַּיִת. באָבי איז שוין אַלט און קראַנק געוואָרן, די אויגן זײַנען אים שוין אויסגעלאָשן געוואָרן, אויף די פֿיס האָט ער שוין נישט געקאָנט שטיין, אָבער ער איז אַליין נישט אָפּגעטראָטן פֿון קֶבֶר, און עַד־הַיּוֹם זאָגט מען אין יענער שטאָט:

—אַ קלײניקייַט, הינטישע טרײַהײַט... נישטאָ קײַן גלײַכן צו איר...

פֿראַגן: וואָס פֿאַר אַ נוצן האָט דער מענטש פֿון אַ הונט?
ווי באַדאַרף מען זיך באַגיין מיט אַ הונט?

99

דער שמעטערלינג

שײנער שמעטערלינג, זאָג,
ווי פאַרברײנגסטו דײַן טאָג?

—ס׳איז מײַן לעבן אַ טאַנץ
אין אַ זוניקן גלאַנץ.
וואו נאָר גרין, וואו נאָר פריש—
דאָרט געפין איך מײַן טיש.
ס׳איז מײַן וואוינונג די לופט
און איך שפּײַז מיך מיט דופט.
כ׳לעב אָן זאָרג און אָן שרעק,
כאָטש דער טאָג גײט־אוועק
און מײַן לעבן פאַרגײט,
ווי דער קלאַנג פון אַ פלײט...

פראַגן: ווי לעבט אַ שמעטערלינג?
מיט וואָס נערט ער זיך?

100

טעוועלע באַרימער.

טעוועלע איז געווען אַ גרויסער באַרימער. אזא טֶבֶע

האָט ער שוין געהאַט. און די חבֵרימלאך האָבן אים גע־
גלויבט. אַלע טאָג פֿלעגט ער קומען אין שול מיט אַ נײַער
מַעֲשֶׂה, מיט אַ נײַער בּאַרימערײַ. דאָ האָט ער שטאַרק
אָנגעבּראָכן די בּיינער דעם בּייזן שײגעץ יאַנעקן, דאָ האָט
ער געשלאָגן מַכּות־רֶצַח דעם שָׁכנס הונט און דאָ האָט
ער פֿאַרטריבן דרײַ פֿרעמדע ייִנגלאַך פֿון הויף.

איינמאָל קומט ער אין שול מיט אַ שפּאָגל־נײַער
מַעֲשֶׂה: נעכטן פֿאַר־נאַכט איז ער געווען אין אַ וואַלד.
איז אים באַפֿאַלן אַ בער, אַ גרויסער שוואַרצער בער, האָט
ער, טעוועלע, איינס און צוויי און דרײַ אַ כאַפּ געטאָן דעם
בער פֿאַרן עק, אַ דריי געטאָן אים איבערן קאָפּ און נאָכ־
דעם דערשטיקט, ווי מען דערשטיקט אַ פֿליג. האָבן אַלע
חבֵרים געגאַפֿט און געקוקט אויף טעוועלען, ווי אויף אַ
שמשון הגיבור.

איז אָבער טעװעלע אײנמאָל װײער דאָרט באשטראָפט גע־
װאָרן פאר זײַן בארימערײַ. דאָס איז געװען א מַעֲשֶׂה מיט אן
אײנפאכן ענדיק, װאָס דער װינט האָט אים שטארק צו־
בלאָזן די פעדערן. טעװעלע מיט א פּאָר חֲבֵרִים איז אים
גראָד אָנגעקומען אנטקעגן, האָט זיך דער ענדיק
א יאָג געטאָן צו אים און בְּעֵת־מַעֲשֶׂה בײז גע־
כאָרכלט מיטן האלז. איז טעװעלע, װאָס איז בֶּאֱמֶת גע־
װען א גרױסער פַּחדן, אנידערגעפאלן אויף דער ערד און
נישט מיט זײַן קול גענומען שרײַען:

—גװאלד, מאמע, ראטעװע!

האָבן זיך די ײנגלאך צולאכט און פארטריבן דעם
ענדיק, אָבער טעװעלעס שֵׁם איז פֿון דעמאָלט־אָן שטארק
געפאלן. מען האָט אים גערופן:

— טעװעלע־בארימער! טעװעלע־נאר! טעװעלע־
פַּחדן!

פראגן: װאָס איז אזױנס בארימערײ?
פארװאָס זאָגט מען: „א בארימער איז גוט צושלאָגן ד"

101

דאָס לעקאך־שטיבעלע.

עס שטײט א לעקאך־שטיבעלע
ארומגעפוצט מיט ראָזשינקעס,

מ׳ט קאנדל־צוקער פענסטערלאך,
באלויכטן איז ער העל.

און אויף א קלײנעם טורמל
דארט זיצט א ציקער־האנעלע
א שאקאלאדן־הינטעלע
שפאצירט ארום בײַם שוועל.

עס הײנגען אויף די בײמער פרײַ
דארט צימערינג־פלעצלאך, יאדערן,
מיט בײמעלאך פון מאנעלאך
באדעקט איז פעלד און וועג.

און ס׳וואוינען אין דעם שטיבעלע
גאר וואונדערלאכע מענטשעלאך,
דער אלטער ניסל — וועלישער
מיט א באגילטן קאפ.

מיט אים זײַן זיסער אײניקל,
וואס רופט זיך מאנדל־מײדעלע
און האט א רונדיק נעזעלע
און ווי פון פלאקס א צאפ.

א גאנצע נאכט זיצט מאנדעלע,
מיט איר די באבע־צוקערל
בײַם קאנדל־צוקער פענסטערל
און שמײכלען זאלבענאנד.

זי ציילט מיט פינגער שטערנדלאך
און הערט דעם ויידעם מַעֲשֶׂהלאך,
וואָס ער דערציילט פון היימישן
פון האָניק זיסן לאנד.

102

דער שטורמווינט.

חַוָהלע מיט דָוִדלען זײַנען אין א הייסן טאָג געגאנגען אין וואלד נאָך יאנדעס.

פלוצלונג האָט זיך דער הימל באדעקט מיט וואָלקנס. עס האָט אָנגעהויבן בליצן און דונערן און באלד דע־רויף איז ארויסגעפאלן א שלאקסרעגן.

דָוִדל איז נישט געווען פון די שרעקנדיקע. האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אינמיטן פעלד און מיט גרויס הֲנָאָה זיך צוגעקוקט, ווי עס שלייגלען זיך די בליצן אויפן רעגנדיקן הימל. אָבער די קליינטשקע חַוָהלע האָט זיך שטארק דערשראָקן; זאָגט זי צום ברודערל:

—וע, דאָרט שטייט א בוים. לאָמיר זיך באהאלטן אונטערן בוים.

—חָוֶהלע, וואָס רעדסטו!—האָט זי דָוִדל אָנגעכאפּט בײַ דער האַנט,—דער דונער קאָן נאָך טרעפן אין בוים און וועט אונז דערהַרגנען. דאָ, אין פעלד, איז זיכערער. אַזוי האָט דער לערער געזאָגט. איך ווייס, אין פעלד איז זיכערער. אַ דאַגה, וועלן מיר זיך אַ ביסלע אדורכנעצן.

—ווידעראמאָל האָט אַ בליץ געטאָן, פּונקט ווי אַ גאָלדענע שלאַנג וואָלט צושניטן דעם הימל אויף פּיצ־פּיצלאַך און באַלד דערויף האָט גענומען קלאַפּן און טראַסקען, ווי אַ שטײנערנער באַרג וואָלט אַ־ויפגע־פאַלן אויף דער צושראָקענער ערד. דער בוים, וואו חָוֶהלע האָט זיך געוואָלט באַהאַלטן, איז געשטאַנען אַ צו־בראָכענער, אַ צוקלאַפּטער, אין פלאַמען...

חָוֶהלע האָט זיך צוגעטוליעט צו איר דרייסטן ברו־דערל און שטיל, ווי אַ סוד, געשעפּטשעט:

—דו ביזט גערעכט, דָוִדל. אין פעלד איז זיכער, אונטערן בוים איז אַ סַכָּנָה... דער דונער וואָלט אונז זיכער דערהַרגעט אונטערן בוים.

דער שלאַקסרעגן האָט אויפגעהערט, די כמאַרעס זײַנען זיך פאַנאַנדערגעפאַלן, פון בלויען הימל האָט ווידער־אַמאָל אַרויסגעקוקט אַ גאָלדענע זון, און ביידע קינדער,

נאסע, דורכגענעצטע ביז דעם לעצטן פּאָדים פון די העמדעלאך, זײַנען פרײלאך און מונטער אװעק אהײם.

פראגן: װי באדארף מען זיך האלטן אין א סַכָּנָה?
פארװאָס איז זיכערער אין פעלד?
פארװאָס האָט דער דונער געטראָפן אין בוים?

103

אין א שטורמװינט.

ס'קראכט און דונערט
אין די הימלען,
בײמער ברעכט דער שטורמװינט.
בליצן גארטלען זיך,
װי שלאנגען—
רוהיק זײַ, נישט שרעק זיך, קינד!
פַּחַד פּאסט נישט
פאַר א מענטשן:
זע, װי שײן עס קראכט אין פעלד.
לאָמיר אויך דעם
שטורם בענטשן—
שײן אין שטורם איז די װעלט!

פראגן: פארװאָס זאָגט זיך אינם ליד: „פַּחַד פּאסט נישט פאר א מענטשן"?
פארװאָס איז שײן א שטורמװינט?

104

אמעריקע.

עפנט חײמל אינדערפרי די אויגן, זעט ער, ווי גאָלדענע שטראַלאַכלאַך גליטשן זיך איבער דער פּאָדלאָגע. עס איז אַ מחיה אַראָפּצוכאַפּן זיך פון בעטל און אַרײַנשפּרינגען מיט די באָרוועסע פיסלאַך אין די וואַרימע שטראַלאַכלאַך; אָבער עס איז אויך זייער גוט אַרײַנצוכאַפּן זיך צום טאַטן אין בעט אַרײַן, וואו מען קאָן הערן אַ שען מעשהלע פון טאַטן.

טוט חײמל ביידע זאַכן: ער שפּרינגט־אַרײַן אין די שטראַלן און לויפט צום טאַטן אין בעט אַרײַן. אָבער דאָסמאָל געפינט ער נישט דעם טאַטן.

—וואו איז דער טאַטע?—פרעגט ער דער מאַמען.

—אַוועקגעפאָרן... ענטפערט פּלוצלונג די מאַמע,—נעכטן אַוועקגעפאָרן;

—וואוהין?

—קײַן אַמעריקע...

—קײַן אַמעריקע?

חײמל שווײַגט, אָבער טיף אין הערצל איז ער שטאַרק מקנא דעם טאַטן. אים דאַכט זיך, אַז אַמעריקע ליגט הינטערן וואַלד פון שטעטל און גאָלדענע פייגל פליען דאָרט

ארום און עסן קאָן מען דאָרט גרויסע שאָקאָלאדקעס און ציקערלאך, ווײַס, ווי שניי.

לויפט אָבער א וואָך נאָך א וואָך, באקומט די מאַמע א בריוול, א צווייטס, פארשטייט שוין חיימל, אז אמע־ריקע מוז זײַן ערגעץ זייער ווײַט. אפשר עק־וועלט. פאר־טראכט ער זיך שטארק און הויבט־אָן בײנקען נאָכן טאטן. איצט איז ער אים שוין נישט מקנא. חיימלען דאכט זיך, אז ווען מען פאָרט־אוועק אזוי לאנג און ווײַט, איז שוין נישט וואָס מקנא־צו־זײַן.

און אלע טאָג, אז ער קומט פון דער שול, רופט ער זיך אָן צו דער מאמען:

—מאמע, אמעריקע איז זייער ווײַט, הא?.. זייער ווײַט?..

און עס פארקלעמט אים דאָס הערצל.

פראַגן: צי האָט עמיץ פון די קינדער קרובים אין אַמעריקע?
צי קאָן עמיץ פון אײַך עפּיס פארציילן וועגן אמעריקע?

105

שָׁלוֹם־עֲלֵיכֶם!

—שָׁלוֹם־עֲלֵיכֶם, ווייצעלאך,
וועמען ניט איר עֵצֶהלאך,

און שאָקלט זיך,
און וואקלט זיך
מיט פּנימלאך און פּלײצעלאך?

— אײַך, קינדערלאך,
אײַך, קינדערלאך!

—שלום־עליכם, פײגעלאך,
וועמען ווארפט איר אױגעלאך?
און שפּילט אזױ?
און גרילט אזױ?
און פלעכט אין לופטן בײגעלאך?

—אײַך קינדערלאך,
אײַך קינדערלאך!

106

הלל הזקנס מױלאײזל.

הלל הזקן איז געװען א גרױסער בעל־רחמים. זײַנע לעצטע פּרוטות פלעגט דער אלטער צוטײלען און אז ער פלעגט אין װעג באגעגענען אן אָרימאן, פלעגט ער אָפּ־שטעלן זײַן מױלאײזל, צורופן דעם אָרימאן און אװעק־געבן אים זײַן לעצט ביסל געלט. דער מױלאײזל האָט זיך

אזוי צוגעוויינט צו דעם, אז ער פֿלעגט זיך שוין אליין אָפּשטעלן, ווען ער פֿלעגט אָנבעגעגענען אן אָרימאן. דעריבער האָט ער געהייסן — דער מוילאייזל מיטן גוטן הארץ.

איינמאָל איז הִלֵל קראנק געוואָרן. אין דעם איינענעם טאָג אבער האָט ער באדארפֿט זײַן אין דער סבִיבָה פֿון ירושָלַיִם. האָט ער אהין געשיקט זײַן תַּלמִיד. דערווײַל איז געוואָרן נאכט און דער תַּלמִיד איז צו דער באשטימ־טע שָעָה נישט געקומען. איז הִלֵל געוואָרן זייער אומרוהיק, ווײַל אין דערדאָזיקער סבִיבָה זיינען פֿאָרגעקומען מרִידות און מִלחָמות.

ערשט שפּעט בײַנאכט איז געקומען דער תַּלמִיד. פֿרעגט אים הִלֵל:

— פֿארוואָס ביזטו אזוי שפּעט געקומען, ליבער תַּלמִיד?

רופֿט זיך אָן דער תלמיד:

— אלץ דײַן מוילאייזל.

— וואָס איז געשען, מײַן זון? — חידושט זיך דער אל־טער.

זאָגט דער תלמיד:

— צו דײַן אייזל, רֶבּי, באדארף מען האָבן דײַן גע־דולט און קורַחס אוצרות. א שווערן וועג האָב איך גע־

האט. פאר יעדן אָרימאן, פאר יעדן אָביון שטעלט ער זיך אָפּ און וויל זיך נישט רירן פון אָרט, ביז איך לייג נישט אַרײַן יענעם א נדָבֶה אין האנט אַרײַן. האָב איך אָבער זייער ווייניק געלט געהאט, בין איך געבליבן שטיין אינמיטן וועג נעבן א גרויסן קַבצן און זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט.

—וואָס=זשע האָסטו געטאָן, מײַן קינד,—האָט דער אַלטער ווידער געפרעגט.

ענטפערט דער תַּלמיד:

—איך האָב אים געמוזט אָפּנארן, דעם גוטן מוילאייזל. קיין אנדער מיטל נישט געווען. איך האָב אַרײַנגעשטעקט די הענט אין קעשענע און ליידיקע הויפּנס געשיינקט די אָרימעלײַט... דער מוילאייזל האָט, נעבאך, געמיינט, אז איך טייל נדָבות און האָט זיך באַרוּהיקט.

אויף הִלֵל=הַזָקֵנס פָּנים האָט זיך באַוויזן א גוטמוטיקער שמייכל...

פראגן: ווער איז געווען הִלֵל הַזָקֵן?
ווען האָט ער געלעבט?

107

חֶבְרֶה שטיפֿער.

נאָטל אין דעם גרויסן היטל
מאָטל אין דעם מיצל, —
בײדע האָבן שוין אַן עֵסֶק,
גאָר א נײַעם שפּיצל:



האָבן ערגעץ=וואו א לײטער
אויף א הויף געקראָגן.
שלעפּן, רײַסן=אײַן די כּוחות,
נאָר מען מוז אים טראָגן.

אין א נעסט דאָרט אויף א בײמל
האָדעווען זיך ראָבן,
דאַרף מען זײ אראָפּבאַקומען,
חֶבְרֶה דאַרף עס האָבן!

צוגעשטעלט דעם גרויסן לײטער
צו דעם בוים דעם הויכן,

קלעטערן די בײדע
שטיפער,
ראָבן צו דערגרײכן.

און די ראָבן דאָרטן
אויבן
ציטערן און ברומען,
טוליען זיך אין נעסט
דערשראָקן:
„רויבער, רויבער,
קומען!“

פלוצלונג דרײט זיך אום
דער לײטער,
האָפ! און נאָטע, מאָטע
פליען הענדום אינ=
דערלופטן,
פאלן אין א בלאָטע...

פראַגן: ווי לעבן ראָבן?
וואָס פאַר אַ נוצן ברײנגען זײ דעם מענטשן?

108

דער גאָרטן.

וואָס פאר א פֵּרוֹת געפינט איר נישט אין מײַן גאָרטן? עפּל, בארן, פלוימען, קארשן, אגרעסן, ווײַנפּערלאך, מאלינעס און וואָס נישט? אָפילו ווײַנטרויבן ערב ראָש־הַשָׁנָה אויף שֶהֶחֶיָנוּ קריגט מען אויך אין מײַן גאָרטן.

אז דער פרילינג הויבט זיך אָן און די ביימער הויבן אָן צו בליען, קאָנט איר האָפן, אז נישט הײַנט, איז מאָרגן וועלן זיך באַ־ווײַזן אין די קורצע שטעכלדיקע ביימעלאך גרינע אגרעסן. דאָס איז די ערשטע פְּרִי, וואָס עס גלוסט זיך אײַך צו פארזוכן. נאָך די אגרעסן קומען־אויף די ווײַנפּערלאך: רויטינקע מיט שווארצע פּיסקעלאך, מיט געלע קערעלאך, און צענדליקער־צענדליקער אויף איין צווײַגעלע. איין צווײַגעלע, אז איר פירט־דורך צווישן די ליפּן, באקומט איר א פולן מויל מיט ווײַנפּערלאך, ווייניקע, שמעקנדיקע, מְחַיֶה־נְפָשׁוֹת. נאָך די ווײַנפּערלאך קומען־אויף פלוימען.

אראָפּגעפּטֶרט די אגרעסן, נאָכדעם די ווײַנפּערלאך מיט די קארשן און נאָכדעם די פלוימען, הויבט זיך אָן א סֶדֶר עפּל. עפּל, דארפט איר וויסן, איז נישט קײַן בארן; בארן, זיי מעגן זײַן די בע־סטע בארן אין די וועלט, וויבאלד זיי זיינען נישט רעכט פארטיק, האָבן זיי קײַן שום טַעַם נישט. עפּל אָבער מעגן זיין ווי גרין, די קע־רעלאך מעגן זײַן ווי ווײַס, האָבן זיי שוין א טַעַם פון עפּל. אויף צײַ־טיקע דארף מעןווארטן ביז העט־העט:

זיי ווערן ערשט פארטיק, ווען דער זומער קלויבט זיך שוין אין זעג ארײַן.

109

העזעלע.

וואו איז העזעלע געוועזן?
וואו איז גרויאינקער געוועזן?
— אין א גאָרטן, קינדערלאך,
אין א גאָרטן, טײַערע.

האָסטו דאָרטן וואָס געטאָן?
האָסטו דאָרטן וואָס געטאָן?
— איך האָב דאָרטן קרויט גענאשט,
איך האָב מערעלאך גענאשט.

האָט מען דיך דען נישט געכאַפּט?
האָט מען דיך דען נישט געקלאַפּט?
— אוי, געכאַפּט מיך, קינדערלאך,
אוי, געשלאָגן, ליבינקע.

ווי־וזשע האָט מען דיך געכאַפּט?
ווי־וזשע האָט מען דיך געקלאַפּט?
— רחלע מיט א קאָטשערע,
שׂרהלע מיט א פאָמעלע.

האָסטו, העזעלע, געוויינט?
האָסטו, גרויאינקער געוויינט?
—מײַנע אויערלאך, אוי וויי,
טוען מיר נאָך איצטער וויי.

וואָס=זשע וויינסטו, העזעלע?
וואָס=זשע וויינסטו, גרויאינקער?
—אוי, איך וויין מיט טרערעלאך,
רײַב זיך שטיל די אייגעלאך!

פראגן: ווי לעבט אַ האָז?
צי האָט עמיץ פון די קינדער געזען א האָז?

110

מען שנײַדט דאָס גראָז.

פון די קליינע פויערשע הײַזלאך שיטן זיך ארויס באגינען די פויערים. ווי ביקסן טראָגן זיי אויף די אקסלען די קאָסעס, אָנגעטאָן איף לאנגע שטעקנס. אין שורות שטעלן זיי זיך אויס בײַ די גרינע ועפטיקע לאָנקעס און נעמען שנײַדן דאָס שטילע באגינען=גראָז.

הינטערן וואלד שטייט=אויף א רויטע זון. בלויע רויכעלאך ציען זיך פון די ווײַטע קליינע קוימענדלאך, וואָס זיצן, ווי מענטשעלאך אויף די דעכלאך פון די פויערשע הײַזלאך, און פארחלומט קרייען העגער פון ווײַטע דערפלאך.

די פויערים שנײַדן דאָס גראָז. שורותווײַז שנײַדן זיי און שורות־ווײַז פאַלט צו דער ערד דאָס געשניטענע גראָז, געמישט מיט רויטע, בלויע, ווײַסע בלימעלאך.

העכער הויבט זיך אויף די זון. עס ווערט הײס. א שטיק לאָנקע איז שוין אָפּגעשניטן. פויערטעס מיט גראַבליעס שאַרן צוזאַמען דאָס גראָז און באַלד וועט אויסוואַקסן א הויכע קופּע היי, פון וועלכער עס וועט זיך צוטראָגן ווײַט איבערן פעלד א זיסער מחיה־דיקער ריח.

פראַגן: צי האָט עמיץ פון די קינדער געזען, ווי מען שניידט דאָס גראָז?
צי וואַקסט דאָס גראָז ווידעראַמאָל נאָכן שניידן?

111

שניטצײַט.

עס שטייען שוין פאַרטיקע
פעלדער מיט זאַנגען,
עס פאַלן שוין סנאָפּעס
מיט פאַרטיקן ווייץ.
די שניטצײַט, זי פאָדערט
פיל אַרבעט און כוחות,
די אַרבעט איז אָבער
פול שיינקײַט און רייץ.

ווי פלינק און ווי האסטיק
די עלטערע שנײַדן,
ווי קונציק די קינדער
פארבינדן א סנאָפּ,
ווי שטאָלץ און ווי פרײלאך
מען גייט פון די פעלדער,
צום סוף, ווען מען פירט שוין
די תבואה אראָפּ.

זאָל עמיץ פון די קינדער אויסמאָלן א פעלד מיט זאנגען.

112

קארנשניס.

אינם ווניקן פעלד האָבן יונגע פויערטעס געשניטן קאָרן מיט שארפע סערפּן. אָנגעשניטן א הויפן קאָרן, א וואָרף געמאָן, נאָכדעם ארומגעכאפּט עס מיט א פּאָר שמרויעלאך, ארומגעבונדן, ווידער א וואָרף געטאָן און ווײַטער געשניטן; נאָכדעם האָט מען געמאכט גארבן און מען האָט זיי געלאָזט טריקענען אין פעלד. אין א וואָך ארום איז יאנקעלעס טאטע, א הויכער געזונטער ישובניק, געקומען מיט פערד און וואָגן אין פעלד, צוצונעמען די גארבן. האָט ער געהייסן יאנ־קעלען, ער זאָל אים העלפן.

יאנקעלע, דער עלטערער ברודער און די מאמע—אלע האָבן צוגעהאָלפן. האָט מען אָנגעלייגט א וואָגן מיט גארבן און יאנקעלס

איז ארויפגעקראָכן אויפן הויכן וואָגן. די טרוקענע שטרוי האָבן גע-שטאָכן אין האלז און אין די הענט, אָבער יאנקעלען האָט עס נישט געארט. ער האָט איצט געזען א הויכן, בלויען הימל און געשניטענע פעלדער, אָבער די פעלדער זיינען שוין נישט געווען אזוי שיין, ווי פריער. נישטאָ שוין די גאָלדענע, שטיל שאָקלענדיקע זאנגען מיט די בלויע הארציקע קאָרנבלימעלאך! פאר די אויגן ציט זיך א ליידיק פעלד מיט הארטע שטעכיקע קאָרנשטאמעלאך.

דער טאטע מיט דער מאמען מיטן עלטערן ברודער האָבן זיך אפילו געפרייט מיטן תבואה-געראָטעניש, אָבער יאנקעלען איז עפּיס אומעטיק געוואָרן ביז צום וויינען...

פראגן: ווי אזוי ווערן ארײַנגענומען די תבואות פון די פעלדער? צי האָט עמיץ פון די קינדער געזען, ווי מען שניידט תבואה?

113
פון פעלד אהיים.

אָנגעלאָדן, פול מיט תבואה,
שטייט דער וואָגן גרייט צום פאָרן,
פור און פויער, ביידע זיינען
ווי אין ים פון ווייץ פארלאָרן.

ס'שפּאנט דאָס פערדל טריט ביי טריט,
גידריק שטייט די זון און גליט,

ס׳פאַלט אַ קילער אָוונט צו—
אויף די פעלדער ליגט ש׳ין רו...

ס׳שפּאַנט דער פּויער נאָך זײַן פערד
מיט אַ מידן טריט, אַ שווערן,
ערגעץ ווײַט אין גראָז אויף דר׳ערד
לאָזן ווילדע גענז זיך הערן.

זעסט אַ וואָלקן שטויב פון ווײַטן:
ס׳גייט אַ טשערעדע פון שאָף.
פון דעם וואַלד, וואָס בײַ די זײַטן,
שרײַען פייגלאַך פאַרן שלאָף...

זאָל עמיץ פון די קינדער דערציילן אַ מעשהלע פון שניטצייט.

114

אונטערן פרײַען הימל.

דאָ, וואו מענטשן זײַנען גוט, איז אַלץ גוט. פילט מען זיך אוי־
מעטום היימיש. אויף וואָס דו וואַרפסט אַן אויג, דאָס באַגעגנט דיך
מיט נחת, מיט שלום; דאָס שמייכלט דיר אַנטקעגן. פונם קלענסטן
גרעזל אין וואַלד ביז דער העכסטער סאָסנע, ביזן שטאַרקסטן דעמב—
לאַכט דיר אַלץ אַנטקעגן. טויזנטערליי פאַרביקע שמאָמען נויגן זיך
צו דיר מיט די פײַנע קאָפּעלעשן, די בלימעלאַך רוקן־אַרויס פון גראָז

װיערע קעפּלאַך און רופן צו דיר: „גוט־מאָרגן!" הויך־געקרװינטשע בײמער פאַרבעטן דיך אין װײער שאָטן צום זיסן אָפּרוען.

און װאו דו לײגסט דײַן קאָפּ נישט אנידער, צי אין גינגאָלדענעם װײכן מאָך, צי אויף דער גאָלער ערד, צי אויף א האַרטן שטײן,—שלאָפּ־סטו אלץ רוהיק און געזונט אײַן... איבער דײַן קאָפּ פליען־ארום זינגענ־דיקע פײגל. שמעקנדיקע לופטעלאַך שװעבן דיר ארום פּנים, רוימען דיר אײַן די שענסטע סודות אין אויער און װינשן דיר: „שלאָף, שלאָף—דאָ װעט דיר קײן בייז נישט געשען."

פראגן: װאו פילט מען זיך גוט?
װי באַדאַרף זיך באַציען אַ מענטש צו א מענטשן?
װאו איז בעסער — אין שטאָט, צי אין פעלד אָדער װאַלד?

115

די װאַסערמיל.

עס קלאַפּט און עס רעשט
אָן איפהער אין מיל.
בײַטאָג און בײַנאַכט—
קײנמאָל שטײט זי נישט שטיל—
קליפּ־קלאַפּ!

שנעל לויפן די רעדער
און דרײען דעם שטײן

שטיל שיטן זיך אויבן
די קערנדלאך קליין—
קליפ=קלאפ!

און אונטן, דאָרט שיט זיך
דאָס ווייסינקע מעל.
מען פירט עס אין זעקלאך.
צום ברויט=בעקער שנעל—
קליפ=קלאפ!

זאָל עמיץ פון די קינדער אויסמאָלן א וואסערמיל?

116

די ווינטמיל.

די ווינטמיל גייט געשווינט—
שווינט, שווינט, שווינט!

גען ס'בלאָזט אין איר דער ווינט—
ווינט, ווינט, ווינט!

זי גייט און דרייט די שטיינער פלינק—
פלינק, פלינק, פלינק!

אין מאכט פון קערנער מעל גאנץ גרינג—
גרינג, גרינג, גרינג!

פראגן: ווי אזוי ארבעט א ווינטמיל?
צי איז עמיץ פון די קינדער געווען אין
א ווינטמיל?

117

דער באָקסערבוים

אַמאָל איז א מֶלֶך געפאָרן איבער א ברייטן פעלד. דערזעט ער: אן אלטער מאן שטײט און פלאַנצט א באָקסערבוים.

פרעגט ער אים:

—זיידע, אין וויפיל יאָר ארום וועט דער בוים געבן פֵּרוֹת?

ענטפערט דער זָקֵן:

—אין זיבעציק יאָר ארום.

לאכט דער מֶלֶך:

—איז דען מעגלאך, אז דו זאָלסט לעבן נאָך זיבעציק יאָר? גלויבסטו, אז דו וועסט נאָך דערלעבן צו עסן די פֵּרוֹת פון דעם בוים?

זאָגט דער זָקֵן:

—איך האָב געפונען באָקסער אויף דער וועלט, ווײַל מײַנע עלטערן האָבן געפלאַנצט באָקסערביימער פאר מיר. איצט טו איך דאָס אייגענע: פלאַנץ איך באָקסערביימער פאר מיינע קינדער.

דער מֶלֶך האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געפרעגט אַ נאַריש־קײט, איז ער, אַ פאַרשעמטער, װײַטער געפאָרן.

פראגן: װאָס האָט געפרעגט דער מֶלֶך בײַם אַלטן מאַן?
װאָס האָט אים דער אַלטער געענטפערט?
פאַרװאָס האָט זיך דער מֶלֶך פאַרשעמט?

בַּעֲלֵי־מְלָאכוֹת.

118

אַ שנײַדערל.

בין איך מיר אַ שנײַדערל,
רופט מען מיך רֶב גאָדל
צי איך מיר אַזױ אַרײַן
אַ פאָדים אין אַ נאָדל.

כ'מאַך אין עק אַ קניפּעלע,
נײ און נײ כּסֵדֶר:
אָט אַזױ, אָט אַזױ
נײ איך מיר די קלײדער.

טוריי — ריי!
טוריי — ריי!
נײ איך מיר די קלײדער.

119

א שוסטערל.

בין איך מיר א שוסטערל,
רופט מען מיך רב מיכל,
נעם איך מיר אזוי דעם נאָל
און שטעק=ארײַן אין שיכל.

װערט אין זויל א לעכעלע—
שטעק איך אָן א טשוועקל
אָט אזוי, אָט אזוי
קלאפּ איך מיטן העקל:

קליפּ און קלאפּ!
קליפּ און קלאפּ!
קלאפּ איך מיטן העקל.

120

א בעקערל.

בין איך א בעקערל,
רופט מען מיך רב לעמל.
קנעט איך מיר דאָס טייג גוט אויס
און שנייד דאָס ברויט און זעמל.

כ׳ליג זיי אויף דער לאָפּעטע,
צעשוואומענע פון היזון,
אָט אזוי, אָט אזוי
רוק איך זיי אין אויוון.

באלד אריין,
באלד ארויס,

היין און צריק פון אויוון.

פראגן: צי איז שוסטעריי א נויטיקע מלאָכה?
צי האָבן די קינדער געזען, ווי מען נייט אַ בגד?
ווי באקט מען ברויט?

121

די טעג ווערן קירצער.

די טעג ווערן קירצער, די אָוונטן לייגנער. וואו=נישט=וואו אויף די ביימער פלאַטערט שוין א געלב בלעטעלע. דער פרימאָרגן איז שוין קיל, די זון באקט שוין נישט אזוי היים. דער סערפּ און די קאָסע האָבן שוין אָפּגעטאָן זייער שווערע ארבעט אין פעלד. אויף די קליינע פרוכטביימער אין גאָרטן הייגנען צייטיקע פּירות און בעטן זיך, מען זאָל זיי אראָפּנעמען. די לופט איז אָנגעפילט מיטן ריח פון צייטיקע עפּל.

באלד קומט מען שוין פון דער זומערוואוינונג צוריק אין שטאָט אריין.

מאָטעלע מיט מירעלען געזעגנען זיך מיטן גרויסן וואלד, וואָס

אין זײַן מחיהדיקן שאָטן האָבן זיי פאַרבראַכט אַ זומער. די הויכע סאָסנעס קוקן אויף די קלײנע קינדער און די קינדער קוקן אויף די הויכע סאָסנעס.

—ליבע ביימער, זײַט געזונט,—שעפּטשעט מירעלע מיט אויפגע־הויבענע אויגלאך.

—ביימער, איבעראיאָר װעלן מיר װידער קומען!—שרײַט מאָטע־לע מיט אַ מונטערן קול.

די קינדער פאָכן מיט די הענטלאך צו די סאָסנעס און די סאָס־נעס שאָקלען מיט די שפּיצן און ברומען גוטמוטיג:

—פאָרט געזונט, קינדער, פאָרט געזונט...

דער טאַטע האָט שוין געדונגען אַ פור, די מאַמע העלפט פּאַקן די זאַכן.

זאָל עמיץ פון די קינדער דערציילן אַ מעשהלע פון אַ זומערװאױנונג.

122

די פיר צײַטן פון יאָר.

א.

ס׳שײַנט שוין מילדער די זון
און דער שניי לאָזט דערפון.
עס װערט לענגער דער טאָג —
װאָסער צײַט איז עס — זאָג?

ב.

אלץ האָט אָפּגעבליט לאנג,
הויך דאָס גראָז, פול די זאנג.
ס'איז דער שניט שוין נישט ווייט –
זאָג, ווי הייסט אָט די צייט?

ג.

ס'גיט דער ווינט קאלט א בלאָז,
ס'וועלקן בלומען און גראָז.
פייגל פליען-אָפּ ווייט –
זאָג, ווי הייסט אָט די צייט?

ד.

פעלדער,ביימער – אלץ ווייס,
אויפן טייך – דיקער אייז.
ס'רוען-אָפּ אקער-לייט –
זאָג, ווי הייסט אָט די צייט?

פראגן: וויפיל צייטן פון יאָר האָבן מיר?
וואָס פאר א באדייטונג האָט יעדע צייט פארן מענטשן און זיין נערונג?

123

תּוֹרה איז די בעסטע סחוֹרה.

אויף א שיף, וואָס איז געשוואומען אין ווייטע לאנטן, זיינען גע-

זעסן פיל סוחרים. זיי האָבן געפירט פארשידענע סחורות און האָבן געשמועסט וועגן מסחר, געוויזן איינער דעם צווייטן, וואָס זיי פירן און געהאנדלט צווישן זיך איינאנדער. צווישן די סוחרים איז אויך געזעסן א געלערטער.

—וואו איז דיין סחורה?—האָט מען אים געפרעגט.

—מיין סחורה וועל איך אייך ווייזן, ווען מיר וועלן קומען אין לאנד,—האָט געענטפערט דער געלערטער.

האָבן זיך די סוחרים געוויצלט איבער אזא סחורה, וואָס מען זעט זי נישט און זי פארנעמט נישט קיין אָרט אויפן שיף.

אויפן וועג זיינען אויף זיי אָנגעפאלן ים-רויבער און צוגענומען די גאנצע סחורה. ווען די שיף איז געקומען צום ברעג, זיינען אלע סוחרים אראָפּ היילע און נאקעטע. זיי האָבן אפילו נישט געהאט אויפן ערשטן מאָלצייט. אויפן געלערטן מענטשן אָבער האָבן געוואַרט פיל תּלמידים און גוטע פריינט. מען האָט אים באגעגנט מיט גרויס כּבוד. איצט האָבן די סוחרים פארשטאנען, וואָס פאר א סחורה ער האָט. זיינען זיי צו אים צוגעגאנגען און געזאָגט:

—גליקלאך ביזטו, געלערטער, מיט דיין סחורה... איצט ווייסן מיר, אז תּורה איז די בעסטע סחורה. זי ווערט נישט גערויבט און גייט נישט פארלאָרען.

זיי האָבן אים געבעטן, ער זאָל זיי באהילפיק זיין אין זייער אומגליק. דער געלערטער האָט אויפגעזאמלט געלט פאר זיי און זיי אויסגעריכט אהיים.

פראגן: וואָס איז, אלזאָ, די בעסטע סחורה?
פארוואָס איז זי די בעסטע?

124

א וויגליד.

ס׳האָט דאָס ווינטל זיך געשטילט,
אָוונט האָט די ערד פארהילט,
שטערנדלאך מיט זייער שײַן
ווינקן דיר: שלאָף־אײַן, שלאָף־אײַן!
פאר דײַן גורל שרעק זיך ניט—
איך, דײַן מאמע, היט דיך, היט...
איך, דײַן מאמע, זינג דיר צו:
אליע־ליוליע־לוליע־ליו!

ווער עס וויס פון זאָרג און פײַן,

דארף די, נאכט א רו אים זיין.
אלץ, וואָס אָטעמט אויף דער ערד,
שלאָפט שוין זים און אומגעשטערט.
ס'דרימלען פייגל, בלום און ווינט—
רו אין שלאָף דו אויך, מײַן קינד.
איך וועל אָפּהיטן דײַן רו.
אליע-ליולי-ליולי-ליו!

פראגן: וואָסער צײַט איז געגעבן געוואָרן דעם מענטשן צו שלאָפן?
וואָסער צײַט צו ארבעטן?
יויפיל שָעה באדארף שלאָפן א מענטש?

שמועס.

1. ווי הייסטו? ווי אלט ביזטו? וואו וואוינסטו? לערנסטו אין א שול? אויף וואָסער גאס געפינט זיך דײַן שול?
האסטו ליב צו שפילן? וואָס איז דײַן ליבסטע שפיל? ווען שפילסטו? האָסטו חבֵרים אָדער חבֵרטעס מיט וועמען צו שפּילן? רוף-אָן דײַן חבֵר אָדער חבֵרטע.

פאמיליע.

2. ווי הייסן דײַנע עלטערן? מיט וואָס באשעפטיגט זיך דײַן פאָטער? וואָס טוט דײַן מוטער? האָסטו ברידערלאך? וויפיל? און וויפיל שוועסטערלאך האָסטו? האָסטו ליב דײַנע ברידערלאך און

שװעסטערלאך ? שפּילסטו זיך מיט זײ ? װעמען פון זײ האָסטו מער ליב ?

האָסטו א זײדן אָדער א באָבן ? גײסטו אמאָל צו זײ ? האָסטו פעטערס און מומעס ? קומען זײ אמאָל צו אײַך ? ברײנגען זײ מיט זיך זײערע קלײנע קינדער ? ביזטו צופרידען, װען עס קומען צו אײַך געסט ?

דערצײל, װי דו האָסט אמאָל פארבראכט אין געסט בײַ דײַן זײדן און באָבען, אָדער בײַ דײַנעם א פעטער אָדער בײ אן אנדער קרוב.

די שטוב.

3. האָסטו ליב צו פארברײנגען אינדערהײם ? העלפסטו אמאָל דער מאמען אין שטוב ? העלפסטו דײַן טאטן אין זײַן ארבעט ? פאָלגסטו אלעמאָל דײַנע עלטערן ? װי דארף זיך א קינד באציען צו זײַנע עלטערן ?

רײנקײַט.

4. װאשטו זיך יעדן פרימאָרגן ? מיט װאָס װאשטו זיך ? באנוצסטו זײף בײַם װאשן זיך ? צוליב װאָס דארף מען זיך װאשן ?

װי באדארף מען האלטן די הענט ? די נעגל ? די אויערן ? מיט װאָס רײניקסטו דײַנע צײן ? האָסטו מורא פאר קאלט װאסער ? װען באָדט מען זיך אין טײַך ? מיט װאָס רײניקסטו דײַנע קלײדער ? מיט װאָס פוצטו דײַנע שיך ? װי רופט מען אָן דעם מענטשן, װאָס פירט זיך נישט רײן ?

דערצײל, אויב דו װײסט, א מעשהלע װעגן דעם, װי א ײנגעלע איז קראנק געװאָרן דערפאר, װײל ער האָט זיך געפירט נישט רײן.

שול.

5. ווען שטייסטו אויף אינדערפרי? ווען הויבט זיך אָן די ער־שטע לעקציע? וואָס לערנסטו אין שול? וואָס האָסטו מער ווי אַלץ ליב צו לערנען? דערציילט מען אײַך דאָרט מעשׂהלאך? שפּילט מען זיך דאָרט מיט אײַך? פֿאַרוואָס דאַרף אַ קינד גיין אין שול?

שמועס.

6. האָסטו חבֿרים און פֿרײַנט? דערצייל, ווי פֿאַרברענגסטו מיט זיי? דערצייל, ווי האָסטו זיך באַקאָנט מיט דײַן בעסטן חבֿר? קריגסטו זיך אַמאָל מיט דײַנע חבֿרים? פֿאַרוואָס? שלאָגסטו זיך אַמאָל מיט זיי? פֿאַרוואָס? קאָנען חבֿרים אויסקומען צווישן זיך און נישט שלאָגן זיך? העלפֿסטו אַמאָל אַרויס דײַנעם אַ חבֿר? מיט וואָס?

צײַט־פֿאַרטרײַב.

7. דערצייל, ווי פֿאַרברענגסטו אַ וואָכעדיקן טאָג?

דערצייל, ווי פֿאַרברענגסטו שבת?

שמועס וועגן די שטוביקע עופֿות.

8. וואָסערע עופֿות האָט דער מענטש בײַ זיך? וואָס פֿאַר אַ נוצן האָט ער פֿון די שטוביקע עופֿות? וואָס עסן הינער, קאַטשקעס, גענז, טויבן? פֿאַרגלייכט די הון מיט דער קאַטשקע און דער גאַנז (לויט דעם קערפּער, שנאָבל, לאַפּקעס און שפּײַז). פֿאַרוואָס קאָנען קאַטשקעס און גענז שווימען, און הינער נישט? פֿאַרוואָס קאָנען ווילדע קאַטשקעס און ווילדע גענז גוט פֿליען, און שטוביקע נישט?

שמועס װעגן א קו.

9. װי רופט מען די קו, בשעת זי איז נאָך קלײן? װאָס עסט א קעלבל? װאָס עסט א קו? צו װאָס דינט איר דאָס װײדל? װאָסערע קלאָען האָט א קו? מיט װאָס באַשיצט זיך די קו פון אירע שׂונאים? װאָס פאר א נוצן האָט דער מענטש פון דעם אָקס? מיט װאָס איז גלײַך די קו צו דער ציג און צו דעם שעפּס? מיט װאָס אונטערשײדן זײ זיך פון אײנאַנדער?

שמועס װעגן א פערד.

10. װי רופט מען א פערד, בשעת עס איז נאָך קלײן? װאָס עסט א פערד? װאו האַלט מען א פערד? צוליב װאָס האַלט דער מענטש דאָס פערד בײַ זיך? װי באַדאַרף מען זיך באַגײן מיט א פערד? פאַרגלײַכט דאָס פערד מיט דער קו (לויטן אויסזען, קלאָען, שפּײַז און נוצן פאַרן מענטשן).

שמועס װעגן א הונט.

11. װאָסערע צײן און חוש-הריח האָט א הונט? װי לעבט א הונט? װי קומט ער צום מענטשן? װאָס פאַר נוצן ברײנגט ער מענטשן? מיט װאָס צײכנט ער זיך אויס פון אַלע חיות? װיפיל מינים הינט איז פאַראַן? מיט װאָס נערט ער זיך? װי באַדאַרף מען האַלטן א הונט? צי װערן הינט געװאַשן? צו װאָסער מענטשן איז דער הונט באַזונדערס צוגעלאָזט? פאַרװאָס טרעפט א הונט די הײם פון װײַטער א װײַטן מהלך? װאָס האָסטו ליבער — א הונט, צי א קאַץ?

שמועס וועגן א קאַץ.

12. וואָסערע נעגל, ציין און אויגן האָט א קאַץ ? צי זעט זי און הערט גוט ? וואָס עסט די קאַץ ? ווי לויערט זי אויף איר רויב ? ווי שפּרינגט, לויפט און קריכט די קאַץ ? פאַרוואָס האַלט דער מענטש א קאַץ אין שטוב ? פאַרגלייכט די קאַץ מיטן הונט (לויט די לאַפּעס נעגל, ציין, שפּיַז און נוצן).

שמועס וועגן בינען.

13. וואו וואוינען בינען ? צו וואָס האָדעוועט דער מענטש די בינען ? ווי מאַכן די בינען וואַקס און האָניק ? וואו נעמען די בינען שפּייז פאַר זיך ? ווי איז געבויט פון אינעווייניק א בינשטאָק ? וואָסערע מינים בינען זיַנען פאַראַן ? (מַלכּות, זכָרים און אַרבעטער). וואָס טוט יעדער מין בין ? ווי אַזוי ווערן געבאָרן בינען ? מיט וואָס באַשיצן זיך די בינען פון זייערע שונאים ? ווי פאַרברענגען די בינען דעם ווינטער ?

שמועס וועגן וועווערקעס.

14. וואו וואוינט א וועווערקע ? ווי זעט-אויס א וועווערקע ? וואָס עססט זי ? צו ווען איז זי ענלאַך ? ווער זיַנען די שונאים פון וועווערקעס ? מיט וואָס באַשיצט זיך די וועווערקע פון זיי ? צי קאָן מען זיי צוגעוויינען צום מענטשן ?

שמועס װעגן רױבפײגלאך.

15. פאַרװאָס רופט מען דידאָזיקע פײגלאך—ר ױ ב פ ײ ג ל ? װאָס עסט דיזער אָדלער און דער שפּאַרבער? װאָס פאַר א שנאָבלען, נעגל, פליגלען און ראִיה האָבן זײ? צו װאָס דאַרפן זײ אַזעלכע שנאָבלען, נעגל, פליגלען און ראִיה? װאו װאױנט דער אָדלער? װיפיל מינים אָדלערס איז פאַראַן?

שמועס װעגן רױב-חַיות.

16. װאָסערע חַיות הײסן ר ױ ב-חַ י ו ת? װאָסערע חַיות שפּײַזן זיך מיט פלײש פון אַנדערע חַיות? פאַרװאָס זײַנען אַלע רױב-חַיות יעדער געשיקט? צי האָבן די רױב-חַיות א גוטע ראִיה, א גוטן געהער, א גוטן חוש-הָרֵיחַ? צי זײַנען די רױב-חַיות שטאַרק, קלוג? װאָסערע רױב-חַיות גײען אױף גֶעיעג בײַטאָג און װאָסערע בײַנאַכט? װאו װאױנען די רױב-חַיות? װאָסערע רױב-חיות זײַנען אײַך באַקאַנט?

שמועס װעגן טײַכן.

17. װער האָט געזען א גרױסן טײַך בעת א געװיטער? מיט װאָס באַדעקט זיך דאָס װאַסער פון טײַך בעת א שטורם? װער האָט געזען אן אָזערע? װאָס איז דער חִלוק צװישן א גרױסן טײַך, אן אָזערע און א-ים? (די גרײס, די טיפקײַט, דער קאָליר און דער טַעַם פונם װאַסער, די כװאַליעס). װאוהין פליסט-אַרײַן דאָס טײַכװאַסער? פאַרװאָס פליסן די טײַכן אין ים אַרײַן און נישט פאַרקערט? װאָסערע חַיות לעבן אין ים?

שמועס װעגן א פיש.

18. מיט װאָס איז באַדעקט דער קערפּער בײַ די פיש? פאַר-

וואָס איז דער קערפּער בײַ די פיש א פלאַכער? מיט וואָס באַוועגן זיך די פיש אין וואַסער? צו וואָס דינט זיי דער עק? מיט וואָס שפּײַזן זיך די פיש? וואַסערע פיש לעבן פון רויב? ווי אָטעמען די פיש? ווי פאַרמערן זיך די פיש? וואָס איז דער אונ־טערשייד פון ים־פיש און טײַך־פיש?

שמועס וועגן שטאָט און דאָרף.

19. ציי האָסטו געזען א דאָרף? וואָס איז דער אונטערשייד פון דער שטאָט און א דאָרף? וואָס באַקומט די שטאָט פונם דאָרף? ווי לעבט מען אין דאָרף און ווי לעבט מען אין שטאָט? וואָס טוט מען אין דאָרף? וואו איז בעסער צו לעבן? ציי האָסטו קרובים אין א דאָרף?

אינהאלט:

№		זייט
1	אין שול, ליד, „ג. ש.‟	5
2	דאָס פֿײַערדיקע פֿערד, באארבעט	6
3	שוין צײַט אין שול, ליד, ש. פֿרוג	7
4	מיכּעלע, באארבעט,	8
5	דאָס אױעקגעפֿלויגענע פֿייגעלע, ליד, א. פֿויגעלעס	10
6	הערבסט, באארבעט	11
7	הערבסט, ליד, א. פֿויגעלעס	13
8	דאָס יינגל=פֿייגעלע, אנדערסען	13
9	בעסער געוואָרן, י. קארנאָ	16
10	האָב איך א קליין מיכּאלקו, פֿאָלקסליד	17
11	צוהאקט די נאָז, באארבעט	19
12	האָב איך אַ קליין מיכּאלקו, המשך	20
13	דער זייגער, באארבעט	21
14	אונזער זייגער, ליד, קאָפּעליאָוויטש	23
15	גוטע קינדער, באארבעט	24
16	שפּילען מיר אין קעסטעלאך, ליד, „ג. ש.‟	25
17	דער זיידע און דאָס ציגעלע, באארבעט	26
18	פֿאָרן יידן, פֿאָלקסטאָן	28
19	ווינטער, באארבעט	29
20	שנייעלאך, ליד א. פֿויגעלעס	31
21	דאָס שניימענטשעלע, באארבעט	32
22	אויפֿן גליטש, ליד, ל. יפֿה	33
23	דער עפּלבוים, באארבעט	34
24	דער הונט און דער וואָלף, נחום י.	35
25	זון, פראָסט און ווינט, באארבעט	37
26	ווינטער, ליד	38
27	חיימל מיט בערעלען, באארבעט	40
28	ווינט און שנייעלאך, ליד, קאפּעליאָוויטש	42
29	דער בוים און דער ווינט, „ג. ב.‟	42
30	אויפֿן ווינטערפֿענסטער, ליד, „ג. ב.‟	45
31	חנוכּה „ג. ב.‟	46
32	דער שליטוועג, ליד, ש. פֿרוג	48
33	דער אַלטער וואָלף, א. פֿ.	49
34	שלח=מנות, ליד, י. ריווקעס	51
35	דער לעצטער ווינט ג. קולבאק	52
36	די ערשטע פֿרילינג=טעג, ליד, א. פֿויגעלעס	54
37	פֿרילינג, באארבעט	55
38	אָנהויב פֿרילינג, ליד,	55
39	בערעלע און לאהלע וועקן דעם פֿרילינג, באארבעט	56
40	א גאַסט פֿאָרט, ליד, מ. טייטש	59
41	דער ליבער גאַסט, באארבעט	60

№		זייט
42	פרילינג־גלעקלאך, ליד, ד. רויזענבלאט	62
43	צווי שוועלבעלאך, י. בריסטער	63
44	דער האָן, ליד, יהואש	65
45	צווי חברים, באארבעט	66
46	דער הונט, ליד, יהואש	68
47	בושלעס, א. ישובניק	69
48	דאָס פעלד רופט, ליד,	72
49	בינעלאך, באארבייט	73
50	פליט דאָס בינעלע, ליד, א. פ.	75
51	ערב־פסח, שלום־עליכם	76
52	פסח, ליד, א. פויגעלעס	78
53	ביינאַכט אין פעלד, באארבייט	79
54	אַ קליין מיידעלע, ליד	81
55	מאָרגן־ליד, א. בערגער	82
56	אמאָל איז געווען אַ פאסטוכל, ליד, פאָלקסליד	85
57	דער מאי־זשוק, נאָך ווערייהאָ	86
58	א פרילינג־רעגענדל, ליד, ג. גארעליק	89
59	אויפן הויף, נ. בירנבוים	90
60	זייפנבלאָזן, ליד, י. ראחין	92
61	דער נאכטיגאל, באארבעט	39
62	ל״ג בעומר, ליד, י. ל. פרץ	95
63	אויף דער לאָנקע, באארבעט	96
64	שפּקעלע־פּיקעלע, ליד, א. שעפּס	97
65	דער פוקס און די קאַץ, באארבעט	99
66	מיין קעצעלע, ליד, ד. איינהאָרן	101
67	דאָס הינדעלע, מ. סטאַווסקי	102
68	מיין הענדעלע, ליד, ל. ראָזענבוים	104
69	די אינדן און די זעמדעלאך, ס. גאָלדין	106
70	דער בייזער ים, ליד, ח. נ. ביאליק	103
71	די קינדער און די פראָגן, מ. ב.	109
72	דאָס ליד פון דער פראָש, יהואש	114
73	אויף דער זומערוואוינונג, ד. ק.	111
74	אויף דער הוידע, ליד, ל. ניידוס	113
75	דער צוג, באארבעט	114
76	דער צוג, ליד, באארבעט	115
77	ערב־שבועות, שלום־עליכם	117
78	פאר שבועות, ליד, א. פויגעלעס	118
79	די סיני־ווערטער, לעגענדע	119
80	שבועות, ליד, יהואש	121
81	שפּילן מיר אין ניס, ליד, ג. ב.״	121
82	זומער, באארבעט	122
83	קומט דער ליבער זומער, פאָלקסליד.	124
84	אין אַ שטילן זומערטאָג, מענדעלע מוכר־ספרים	125
85	אין אַ שטילער זומערנאַכט, ליד, מ. ראָזענפעלד	126
6	דער גוטער מענטש, לעגענדע	126

№		זייט
87	אין וואלד נאָך יאגדעס, ליד, מ. ראָזענפעלד	127
88	צוויי חברים, באארבעט	129
89	מארש, ליד, י. קאצענעלסאָן	131
90	די בין און די שעפס, באארבעט	132
91	מײַן קיעלע, ליד, א. כהן	133
92	א שטיקל ברויט, באארבעט	134
93	אין גאָרטן, ליד, פ. קאפלאן	135
94	מען טאָר זיך נישט איבערנעמען, „ש. ח.“	136
95	קאָרן־שוועסטערלאך, ליד, ד. איינהאָרן	138
96	ווי איך האָב געכאפט א פישל, באארבעט	139
97	דער טײַך, ליד, א. פײגעלעס	141
68	דער הונט באָבי, באארבעט	142
99	דער שמעטערלינג, ליד, ב. גאָרזשאלקאָ	144
100	טעוועלע בארימער, באארבעט	144
101	דער טאָפ און דער קרוג, י. נחום	147
102	דער שטורמווינט, באארבעט	148
103	אין אַ שטורמווינט, ליד, א. פויגעלעס	150
104	אמעריקע, א. פ.	151
105	פארנאכט אין פעלד, ליד, באארבעט	152
106	הללס הזקנס מוילאייזל, לעגענדע,	153
107	חברה שטיפער, ליד, לויט בוש	156
103	דער גאָרטן, שלום־עליכם	158
109	העזעלע, ז. ב.	159
110	מען שנײַט גראָז, א. פ.	160
111	שניטצײַט, ליד, ז. סעגאלאָוויטש	161
112	קאָרנשניט, א. פ.	162
113	פון פעלד אהיים, ליד, י. שטיינבערג	163
114	אונטערן פרײַען הימל, י. ל. פרץ	164
115	די וואסערמיל, ליד, י. פ. ג.	165
116	די ווינטמיל, ליד, י. פ. ג.	166
117	דער באָקסערבוים, אגדה	167
118	א שניידערל, ליד, י. קאצענעלסאָן	168
119	א שוסטערל, ליד, „ „	169
120	א בעקערל, ליד, „ „	169
121	די טעג ווערן קירצער, באארבעט	170
122	די פיר צײַטן פון יאָר, ב. גאָרזשאלקא	171
123	תורה איז די בעסטע סחורה, לעגענדע	172
124	א וויגליד, נאָך באלמאָנט	174
	שמועסן	175—186

פערלאג „א. גיטלין“

ש. גאָרעליק

אין וואַנדער־לעבען

דער פערטרוימטער און שטימונגספולער גאָרעליק האָט אַ סך געזעהן און האָט פון דעם געזעהענעם געשאַפען זעהר אינטערעסאַנטע און אינהאַלטס־רייכע רייזע־בילדער און אַרטיקלען. גאָרעליק איז שוין גוט בעקאַנט אין דער יודישער גאַס און ער נויטיגט זיך נישט אין קיין רעקלאַמעס. יעדער ליעבהאָבער פון יודיש, דער יודישער לעזער וועט זיכער געהן צו גאָרעליק'ס בוך, וואו ער וועט זעהן, ווי אַזוי עס לעבט זיין אייגענער ברודער אין פרעמדע לענדער, וואו ער וועט זיך בעקאָנען מיט פערשיעדענע יודישע כלל־טהוער, אינטערעסאַנטע פערזענליכקייטען א. ד. גל. גאָרעליק גיט דאָ אויך איבער די פאַרביגע לאַנדשאַפטען פון דער שווייץ, וואָס זענען געשריבען מיט אַ קרעפטיגער האַנד. אויף די זייטלעך פון גאָרעליקס בוך אָטעמט דער מענש און די נאַטור מיט לעבען, און דערין ליעגט דער רייץ פון בוך.

עלעגאַנט אַרויסגעגעבען

פרייז 5 מאַרק.

פערלאַג „א. גיטלין"

ל. נ. טאָלסטאָי

כאַדזשי־מוראַט

יודיש: מ. לאַנדוי.

כאַדזשי־מוראַט, דער העלד פון טאָלסטאָי'ס ווערק, וואָס טראָגט דעם אייגענעם נאָמען, איז נישט קיין אויסגעטראַכטע געשטאַלט, נאָר אַ לעבעדיגער מענש מיט הייסען בלוט, וואָס האָט נאָך גאָר נישט לאַנג געהאַלטען אין שרעק די גרויסע רוסישע אַרמעען אויף קאַווקאַז. דער אונשטערבליכער טאָלסטאָי, וואָס האָט אין דער יוגענד געדיענט אויף קאַווקאַז, אַלס אָפיציער, האָט אַליין בייגעלעבט מאַנכע געשעהענישען, וואָס זענען געווען פערבונדען מיט כאַדזשי־מוראַטס נאָמען.

אין דעמדאָזיגען ווערק דעקט טאָלסטאָי אומ'ברחמנות'דיג אויף די גאַנצע פאַלשקייט פון די רוסישע רעגירונגס־לייט, וואָס האָבען געשפיעלט אַ צוויי־פנים'דיגע ראָליע, בשעת כאַדזשי־מוראַט איז איבערגעגאַנגען צו די רוסען און זיי אויפריכטיג געוואָלט מיטהעלפען אין זייער קאַמף מיט די קאַווקאַזער האַרטנעקיגע פעלקערלעך. און גלייכצייטיג שילדערט טאָלסטאָי כאַדזשי־מוראַטס גבורות און מוט, זיין כאַראַקטער און אַרט לעבען, און יעדעס זייטעל פון דעמדאָזיגען ווערק לאָזט איבער נאָך זיך אַ טיעפען רושם.

עלעגאַנט אַרויסגעגעבען

פרייז 5 מאַרק.